**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# Yidn in Poyln

**Bałaban, Majer**
**באלאבאן, מאיר**

**Ṿilne, 1930**

III. צו דער געשיכטע פון ייִדישע דרוקערייען אין פוילן

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275**

## III.

## צו דער געשיכטע פון יידישע דרוקערייען אין פוילן.

## 1. די עלטסטע יידישע דרוקעריי אין קראָקע

די בעסטע ידיעות וועגן יידישע דרוקערייען בכלל און אין פּוילן בפרט געפינען מיר אין די אַלטע ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן פון ר׳ דוד אָפּענהיימער, קריסטיאַן וואָלף, שבתי באַס, דע ראָססי, און באַזונדערס ביי רמש״ש (ר׳ משה שטיינשניידער) בן-יעקב (אוצר-הספרים) און לעצטנס ביי פרידבערג (בית עקד-ספרים אות א, אַנטווערפּן תרפ״ח). פרידבערגס געשיכטע פון די קראָקעווער דרוקערייען (הדפוס העברי בקראקא — קראָקע 1900) שטיצט זיך אויף די קאַטאַלאָגן, ברענגט אָבער נישט קיין סך נייעס. דאָס אינטערעסאַנטע איז, אַז די ערשטע יידישע דרוקערס אין קראָקע האָבן זיך געשמדט און האָבן געמאַכט אין יידישן לעבן אַן אומגעהויערן רושם. וועגן דער שמד האָבן געהערט פאַרשידענע חוקרי קדמוניות, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען. אויך איז זיי געווען אומבאַוווּסט, וואָס איז מיט די משומדים און מיט זייערע ספרים געשען. אויף דעם גרונט פון אַרכיווישע פאָרשונגען [1]) איז מיר געלונגען די זאַך

1) דאָס ערשטע מאָל האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די ברידער העליץ און זייער שמד אין Nowy Dziennik, קראָקע 1919, נ״ר 129 און שפּעטער איבערגעדרוקט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce. Szkice i studja וואַרשע 1920, זייטן 66—71 און אויך יידיש אין אַלמאַנאַך צום 10-יעריקן יובילעום פון „מאָמענט" זייטן 189—194. עטלעכע אַרכיוואַלישע נאָטיצן האָט געגעבן פּראָפעסאָר פּטאַשניק אין זיין בוך Monumenta Poloniae Typographica saeculi XV et XVI לעמבערג 1922 און עטלעכע אינטערעסאַנטע דאָקומענטן צו דער זאַך האָט ער אָפּגעדרוקט אין Kwartalnik Historyczny, 1924, זייטן 85—91. אַלע די דאָקומענטן און אַסך אַנדערע האָב איך אָפּגעדרוקט אין מיין דייטשער אַרבעט וועגן יידישע דרוקערייען אין פּוילן אין דעם III באַנד פון די „Sonzino-Blätter" 1929 זייטן 1—50. דאָרט זענען אויך אָנגעגעבן בפירוש אַלע מקורות, וואָס איך האָב מיך מיט זיי באַנוצט.

אויסצופאָרשן, און אָט וויל איך דאָ דערציילן באריכות ווי די מעשה איז געשען. מעשה שהיה כך היה.

* *

*

דאָס ערשטע יידישע ספר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פוילן, איז דאָס ספר: שערי דורא און געדרוקט האָבן עס אין קראָקע אין דעם יאָר רצ״ד (1534) דריי ברידער: שמואל, אשר און אליקום בני ר׳ חיים העליץ[1]. וועגן ר׳ חיים העליץ ווייסן מיר גאָרנישט, אַחוץ דעם, אַז ער שטאַמט פון דער שטאָט האַליטש (העליץ) (דרום-מזרח פון לעמבערג). ווייל זיינע זין רופן זיך לויט דעם נאָמען פון דער דאָזיקער שטאָט: האַליטש, האַליץ, העליץ, העליטש און אין די מלוכה-אַקטן הייסן זיי: Fratres Halicienses, Natione de Halic, Judacei Halicienses. דאָס דערמאָנטע ספר: שערים או שערי דורא, הלכות איסור והיתר (שטיינשניידער ק״ב[2] נ״ר 5341, וואָלף I נ״ר 1184) האָבן זיי פאַרענדיקט כ״ח אייר רצ״ד (13 מאַי 1534).

דאָס צווייטע ספר, וואָס די דריי ברידער האָבן געדרוקט — נאָר אָן אַ פרט—איז דאָס באַוווסטע: ספר ר׳ אַנשל או מרכבת המשנה. וואָס אַנטהאַלט טייטשווערטער צו דער תורה און האָט געדינט פאַר אַ לערן-בוך פאַר אַלע חומש-מלמדים אין פוילן[3]. ווייל די דריי ברידער האָבן געפירט בשותפות די דרוק נאָר ביז צו דעם יאָר 1536, דערפאַר מוזן מיר אָננעמען, אַז דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1534—1536. שוין דעם יאָר 1536 ווויִנט איין ברודער—שמואל—אין עלס (שלעזיען) און דאָרט דרוקט ער צוזאַמען מיט זיין שוואָגער

---

1) שערים או או שערי דורא, הלכות איסור והיתר, זע: שטיינשניידער קאַטאַלאָגוס באָדלעיאַנאַ נ״ר 5341.

2) קאַטאַלאָגוס באָדלעיאַנאַ.

3) וועגן דעם „ספר ר׳ אנשל או מרכבת המשנה״ זע עריק: די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, זייט 209 און פאָלגנדע. זע אויך: Staerk-Leitzman Die jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen. Frankfurt a/M 1923, seite 61—65.

אליעזר בן שלמה דעם באַוווּסטן סידור: תפילות מכל השנה (אוצר הספרים ע׳ 661 מספר 753). שמואל העליץ איז נישט געווען דער גרינדער פון דער דרוקעריי, וואָרום מיר ווערן געוווּיר פון וויכטיקע קוועלן, אַז אַ יאָר פריער האָט די גאַנצע שטאָט עלס שטאַרק געליטן פון אַ שרעקלעכן שטורמווינט און דעמאָלט איז די יידישע דרוקעריי איינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. די שריפט איז צעוואָרפן געוואָרן און די ווייסע בויגן פאַפּיר האָבן פאַרדעקט די גאַסן אין דער גאַנצער שטאָט. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט שמואל האַליץ נאָך דעם חורבן מיט זיין געלט געהאָלפן דעם שוואָגער די דרוק אויפצושטעלן און דעם סידור צו פאַרענדיקן. אין דעם זעלבן יאָר הערט אָבער אויף די דרוקעריי צו אַרבעטן און ערשט אין 17 יאָר אַרום (1553) טרעפן מיר שמואלן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווו ער דרוקט דעם שערי דורא [1].

די צוויי אַנדערע ברידער אשר און אליקום זענען געבליבן אין קראָקע און האָבן דאָרט ווייטער געדרוקט פאַרשידענע ספרים, פון וועלכע נאָר דריי זענען ביז היינט געבליבן: די ערשטע צוויי טיילן פון די טורים [2], די פסוקים פון ר׳ שלום-שכנא [3] און אַ מחזור [4]. איני-

1) די צווייטע אויסגאַבע פון דעם ספר שערי דורא איז דפוס ווענעציע 1547 (קאַטאַלאָג פון דעם בריטיש-מוזעום ז. 371). די דריטע אויסגאַבע איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1553 (קאַטאַלאָג באָדל. זייט 1105, וואָלף איז נישט מסכים צו דער דאַטע באַנד III זייט 560 נ״ר 1184).

2) די ביבליאָגראַפן זענען נישט אייניק וועגן דעם, וועלכער טור ס׳איז דעמאָלט געדרוקט געוואָרן. וואָלף (I 582) באַהויפּטעט, אַז אין יאָר 1539 איז געדרוקט געוואָרן אין קראָקע דער טור חושן משפט, דע ראָססי גייט נאָך וואָלפן, אָבער ר׳ שבתי באַס (שפתי ישנים מהדורה I ע׳ 26) און קאַטאַלאָג אָפּענהיימער (יאָר 1782 ז. 15) זאָגן, אַז טור יורה דעה איז געדרוקט געוואָרן בשנת ר״ל (1530) און חושן משפט בשנת רצ״ח (1538). רמש״ש קאָריגירט אַלע און בן-יעקב גייט נאָך רמש״ש (אוצר הספרים זייט 207 נ״ר 58–57).

3) קאַטאַלאָג פון בריטישן מוזעום, זייטל 695, דאָרט דאָס איינציקע עקזעמפּליאַר.

4) דער מחזור איז היינט אַ יקר המציאות, איין-איינציק עקזעמפּליאַר באַזיצט הער שאָקען ז״ל אין צוריקוי, מחזור (יוצרות) חלק שני, מיוצרות לשבת ראשונה של חנכה עד יוצרות ליום שני של שבועות עם פירוש קצר. ווי אַלע אַלטע ספרים האָט דער מחזור נישט קיין שער, אויף דעם לעצטן דף ע״ב זענען הינטן אָפּגעדרוקט די דאָזיקע צוויי שורות, מיט אַ גרייז: סליק תפלת היהודים אשר יקראו מגזור נדפס על יד יהנים העליץ בקראָקוי הבירה.

מיטן איז אָבער עפּעס געשען, וואָס האָט איבערגעריסן די רויִקע אַרבעט פון דער דרוקעריי און געוואָרפן אַן אימה אויף אַלע יידן אין קראָקע:

חודש מערץ 1537 האָבן זיך די דריי ברידער האַליץ מיט זייערס אַ קוזין אָפּגעשמדט און במקום די דריי יידן אשר, אליקום און שמואל, זעען מיר די „ניי-קריסטן": אַנדזשיי, יאַן און פּאַוועל, מיט דעם געשמדטן קרוב אויך אַן אַנדזשיי, וואָס פירן ווייטער זייער העבּרעישע דרוקעריי און האַנדלען מיט ספרים, וואָס ס'ווערן געבראַכט פון פרעמדע לענדער [1]).

וואָס איז געווען די סיבה פון דער שמד, לאָזט זיך אויפן סמך פון אונזערע מקורות נישט פעסטשטעלן. מיר זענען זיך משער, אַז די פאַרהעלטענישן פון יענער צייט האָבן זיי דערצו געטריבן, הגם זיי זענען נישט די איינציקע משומדים אין די יאָרן אין פוילן און אַפילו אין קראָקע.

ווי באַקאַנט איז געווען דעמאָלט די תקופה פון דער רעפאָרמאַציע. אַ סך פראָטעסטאַנטן און סתם „פרעמדגלויביקע" האָבן זיך אַרומגעדרייט אין קראָקע, דאָ האָט געלעבט און „געלערנט מיט דעם עולם" יאַן טשעציעסקי, אַ תלמיד פון דעם רעפאָרמאַטאָר עראַזמוס פון ראָטערדאַם און מיט אים דער באַוווּסטער פּאָליטיקער אַנדזשעי פריטש מאָדזשעווסקי, דער יוריסט פשילוסקי, דער דרוקער וואָיעוווּדקאָ און אַנדערע. אַקעגן די „בעלי-חידושים" איז אַרויסגעטרעטן מיט דעם גאַנצן ברען פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם דער קראָקעווער ביסקופּ פּיאָטר גאַמראַט און מיט פייער און שווערד האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוטרייבן דעם נייעם שטן פון דער שטאָט און פון די מענטשלעכע הערצער. זיין גרים האָט נישט געהאַט קיין גרעניצן און אַזוי האָט ער געלאָזט אַן אַכציק-יעריקע אַלמנה קאַטאַרינאַ ווייגעל (די פרוי פון אַ באַוווּסטן ראַטמאַן און עושר מעלכיאָר ווייגעל) פאַרמאַכן אין אַ קעלער, כדי זי צווינגען אָפּצושטיין פון איר „אַפּיקורסות". די אַלמנה האָט אָבער נישט געוואָלט תשובה טון און דער ביסקופּ האָט זיך נישט קיין סך מישב געווען און האָט

1) זע דעם דעקרעט פון זיגמונט I פון דעם 28 מערץ 1537 אָפּגעדרוקט אין מיין אַרטיקל אין די סאָנציגאָ-בלעטער III, זייט 36, נ"ר 1.

זי געלאָזט עפּנטלעך אויף דעם קראָקעווער מאַרק פאַרברענען [1]. אוין קעגן יידן האָט זיך דער פּייערדיקער בישאָף געווענדט, און געהאָלפן האָבן אים אין זיין פונצטערער אַרבעט אַ סך גרויסע פּריצים און בראשם די שיינע אָבער געלט-גיריקע קעניגין באָנאַ (בונה המלכה). אין יענער צייט איז געווען אַ סיכסוך צווישן פוילן און דער טערקיי און מ׳האָט געוואָרפן אַ חשד אויף יידן, אַז זיי זענען מגייר פאַרשידענע קריסטן און שיקן זיי אַוועק אין דער טערקיי. באַלד האָט מען איינגעקערקערט די פרנסים פון קראָקע און זיי געפּייניקט מיט עינויים קשים. אויך די פּויזנער פרנסי הקהלה האָט מען פאַרמאַכט אין אַ קעלער און בּיי זיי אויסגעפּרעסט אַ סך געלט פאַר דעם באַפרייען [2].

אפשר זענען אויך די בּרידער האַליץ געווען פאַרמישט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס און דאָס האָט זיי געצוווּנגען זיך צו שמדן, כדי אויסצומיידן די טויט-שטראָף, און אפשר האָבן אַנדערע סיבות זיי געפירט צו דער שמד, יעדנפאַלס זעען מיר שוין פסח-צייט רצ״ז די משומדים, ווי זיי ראַנגלען זיך מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע, וואָס וויל בּיי זיי קיין ספרים נישט קויפן און וויל זיי די אַלטע חובות נישט צאָלן. די משומדים ווענדן זיך צום קעניג און זיגמונט I נעמט זיי אין שוץ (דעקרעט פון דעם 28-טן מערץ 1537) אַקעגן זייערע „פריערע גלויבנס-גענאָסן״. ער פאַרבּיט די יידן ערגיץ אַנדערש צו קויפן ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן בּיי די בּרידער האַליץ, גיט די בּרידער אַ מאָנאָפּאָל אויף צו דרוקן און צו באַציען מחוץ לארץ העברעישע ספרים און פאַרבּיט אַלע אַנדערע יידן בּיי אַ שטראָף פון 200 מאַרק לשון-קודשדיקע ספרים צו דרוקן אָדער צו באַציען [3].

דער קעניגלעכער באַפעל האָט נישט קיין סך געהאָלפן, יידן האָבן אויך ווייטער די ספרים בּיי די משומדים נישט געקויפט און האָבן זייערע אַלטע חובות (וועקסל) נישט געצאָלט. די משומדים האָבן געהאַט אַ בּיטער לעבן, די ספרים זענען געלעגן אין די מאַגאַזינען און קלאָגן

1) באַלאַבאַן: געשיכטע פון די יידן אין קראָקע, באַנד I, ז. 77.
2) הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע, קעניגלעכע מאַטריקול אַקטן, באַנד 54, זייט 205. זע אויך ציוויער: יידישע בעקערונגס-פערזוכע אום 16 יאָרהונדערט. פעסטשריפט צום 70 געבורטסטאָג פילּיפּזאָנס, זייט 96—113.
3) זע אויבּן זייטל 186, אָנמערקונג 1.

האָבן די משומדים זייערע בעלי־חובות אויך נישט געקאָנט, הגם קיין שום ייד האָט נישט געוואָלט זיי עדות זאָגן און אָן יידישע עדות האָט קיין „גוי" נישט געקאָנט אין געריכט באַווייזן זיין רעכט. כדי צו זייער געלט צו קומען האָבן די משומדים זיך צום צווייטן מאָל געווענדט צום קעניג און זיגמונט I האָט זיי ערלויבט (דעקרעט פון דעם 16־טן יוני 1537) בדרך יוצא מן הכלל צו באַווייזן אין געריכט זייער רעכט נאָר מיט קריסטלעכע עדות [1]. אָבער אויך דער דאָזיקער קעניגלעכער באַפעל האָט נישט קיין סך געהאָלפן און באַלד איז די שותּפות צעפאַלן געוואָרן און נאָר איינער פון די ברידער: יאָהאַנעס (יאַן־אשר) האָט פּרובירט צו פאַרענדיקן די ספרים, וואָס זענען געווען אין מיטן אַרבעט. אַזוי איז דערשינען אין דעם יאָר 1538 דער טור אורח־חיים און אַ יאָר שפּעטער דער חלק יורה־דעה. אין די זעלבע יאָרן (נאָר אָן אַ פּרט) איז געדרוקט געוואָרן דער צווייטער טייל פון דעם מחזור, וואָס הייבט זיך אָן שבת־חנוכה און ענדיקט מיט שבועות.

אָבער אויך דאָס האָט די משומדים נישט געהאָלפן און זיי האָבן געמוזט אַ טייל פון דער „כשרער" סחורה פאַרזעצן ביי דעם גוישן מוכר־ספרים מאַרטין זיבענאייך. באַלד איז אָבער זיבענאייך געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס משכּון האָט גאָר קיין ווערט נישט און דאָס איז געשען ביי פאָלגנדער געלעגנהייט: אָט אַמאָל האָט זיבענאייך געשמועסט מיט אַ ייד פון באָכניאַ (שמעון) וועגן דעם ווערט און דעם קורס פון יאָאַכימסטאַלער און האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער וואָלט גערן אַוועקגעגעבן די ספרים, וואָס ליגן ביי אים פאַר אַ משכּון, פאַר שלעכטע יאָאַכימסטאַלער, דאָ האָט שמעון אַ שמייכל געטון, און געזאָגט: „אַוודאי און אַוודאי האָט איר רעכט, הגם די אַלע ספרים האָבן גאָר קיין ווערט נישט, זיי טאָרן דאָך נישט קומען אין אַ יידיש הויז אַריין!" [2].

אַזוי זענען געשטאַנען די ברידער פאַר אַ באַנקראָט, און אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן זיי געגעבן דעם קעניג אַ פּלאַן, אַז ער זאָל צווינגען די יידישע קהלות אין קראָקע און פּויזן (פּאָזנאַן) זיי זאָלן

---

1) באלאבאן: אין סאָנצינא־בלעטער III (בערלין 1929) זייט 41, נ"ר 111.

2) פטאסניק: Cracovia impressorum נ"ר 443.

ביי זיי אָפּקויפן האָרט דעם גאַנצן ספרים-לאַגער. ביסקופּ גאַמראַט האָט צו דעם געגעבן זיין הסכמה און דער קעניג האָט דעם 31 דעצעמבער 1539 באַפוילן די צוויי דערמאָנטע קהלות סומאַריש אָפּצוקויפן אַלע ספרים און גלייכצייטיק באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויפנעמען אַן אינווענטור פון דעם ספרים-סקלאַד און אויך אָפּשאַצן וויפל די ספרים זענען ווערט. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין, אַחוץ גאַמראַטן דער ביסקופּ פון כעלם בראַניצקי, דער קעניגלעכער מאַרשאַל ביסקופּ מאַטשעיאָווסקי, דער קאַסטעלאַן פון בייטש (Biecz) סעווערין באָנער און דער באַוווסטער וואָיעוואָדע פון קראָקע פּיאָטר קמיטאַ. די קאָמיסיע האָט געלאָזט דורך פאַכמענער אויפנעמען דעם אינווענטור און זי האָט געפונען אין סקלאַד פאָלגנדע ספרים: 800 מחזורים, 850 סליחות, 500 טורים, 400 יוצרות, 300 מנהגים, 200 זמירות גרויס פאָרמאַט און 300 זמירות קליין פאָרמאַט.

אָט האָבן מיר דאָ די עלטסטע רשימה פון אַ יידישער בוכ-האַנדלונג און דרוקעריי אין פוילן און אפשר אין גאַנץ אייראָפּע.

ס'איז שווער פעסטצושטעלן, צי די אַלע ספרים זענען געדרוקט אין דער אייגענער דרוקעריי, צי האָט מען זיי באַצויגן מחוץ לארץ, פון פּראָג און איטאַליען. נאָר פון דריי דרוקן קענען מיר מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז זענען געדרוקט געוואָרן פון די ברידער העליץ, איך מיין דאָ דעם טורים, דאָס מחזור און דעם עלטער סידור. די איבעריקע שטאַמען פון פּראָג: סליחות שנת רפ"ט (1529) און רצ"ה (1535), יוצרות רפ"ד אָדער רפ"ו. דעם מקום הדפוס פון די מנהגים און זמירות איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן [1].

אַלע 3350 ספרים האָט די קאָמיסיע אָפּגעשאַצט אויף 1600 פוילישע גילדן און פאַר דעם געלט האָבן די קהלות אין קראָקע און פּויזן זיי געלאָזט אָפּקויפן. די פּרנסים פון די קהלות האָבן אָבער נישט געוואָלט באַצאָלן אַזוי פיל געלט — הגם זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינער וועט סיי-ווי-סיי נישט וועלן זיי נוצן, ווי זיי האָבן אָבער געזען, אַז ס'איז נישט דאָ קיין קאַטאָוועס, האָבן זיי געבעטן די פּריצים פון דער

[1] ליבען: דער העברעישער בוכדרוק אין פּראָג אין 16 יאָרהונדערט, פּראָג 1927 (די יידן אין פּראָג זייט 88—106).

קאָמיסיע, מ׳זאָל אויך די לעמבערגער יידישע קהלה אַריינגעמען אין כּלל אַריין. די קאָמיסאַרן האָבן מסכּים געווען צו דעם פּלאַן און אַלע דריי קהלות האָבן אין משך פון דריי יאָר אָפּגעצאָלט די 1600 זלאָטעס אויף דעם אופן, אַז אין די ערשטע צוויי יאָר האָבן זיי געצאָלט צו 400 זלאָטעס און אין דעם דריטן יאָר צו 133 גילדן און 10 גראָשן. ביי דער געלעגנהייט האָבן די קאָמיסאַרן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיין שום ייד זאָל זיך נישט דערוועגן צו דרוקן העברעישע ספרים, אָדער זיי צו באַציען מחוץ לארץ אָן דער דערלויבניש פון דעם בישאָף פון זיין שטאָט [1].

* *

*

מיט דעם דעקרעט ווערט אין די אַקטן פאַרענדיקט דער סיכסוך צווישן די משומדים און דער קראָקעווער קהלה. וועגן דעם ווייטערן גורל פון די ברידער ווערן מיר געוואויר פון אַנדערע מקורות און בפרט פון די ספרים, וואָס זיי האָבן שפּעטער געדרוקט.

און אַזוי האָבן מיר שוין געהערט, אַז שמואל, פון וועלכן מיר ווייסן נישט בדיוק צי ער האָט זיך אויך געשמדט, איז אַוועק אין די מרחקים און אין דעם יאָר 1553 האָט ער זיך באַוויזן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער האָט איבערגעדרוקט דעם שערי דורא. דער פּרט, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אויף דעם ספר, — שוב״ה (1553 — 313) — איז אפשר אַ רמז צו דעם, וואָס דער מדפּיס האָט זיך אומגעקערט צו זיין פריערן דת.

איינער פון די צוויי אַנדזשייס (אַנדרעאַס) האָט זיך אַלס איינבינדער באַזעצט אין ברעסלוי, ווו ער האָט דעם 29 יאַנואַר 1538 באַקומען דאָס בירגער־רעכט (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ). אין דעם יאָר 1551 איז ער אָבער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ער איז דאָ צוריק געוואָרן אַ ייד [2]. דער צווייטער אַנדרעאַס האָט באַקומען דאָס

1) הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע, קרוין־מעטריקע באַנד 59, דף 123—324.

2) דערנשוואם האַנס 1495—1565: טאָגע־בוך איינער רייזע נאָך

בירגער־רעכט אין קראָקע און ער איז דאָ געוואָרן אַ גרויסער סוחר. ווי ס׳זעט אויס זענען די קריסטלעכע סוחרים נישט געווען איבעריק צופרידן מיט דעם נייעם קאָנקורענט און האָבן אים געשטערט אין זיין מסחר. דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט אָבער אין שוץ גענומען דעם „נייעם קריסט" און האָט אים און זיין פרוי אַננאַ דערלויבט אין גאַנץ פוילן מיט כלערליי סחורות צו האַנדלען „לויט וואָג און מאָס" אָן שום שטערונג מצד די קריסטלעכע סוחרים (יאָר 1557 [1]). און אַנדרעאַס האָט אויף אַ גרויסן שטייגער געהאַנדלט און זיינע געשעפטן זענען געגאַנגען ביז קיין לעמבערג, ווו ער האָט געהאַט אַ סיכסוך מיט דעם רייכן ייד לעאָ (ליב) פון בעמען. בשעת דער פראָצעס איז אָבער אונזער משומד געשטאָרבן און זיין ווייב אַננאַ האָט באַקומען אין דעם יאָר 1565 דעם קעניגלעכן פריווילעג מיט וועלכן דער מלך האָט איר צוגעפסקנט 105 גילדן. דאָס יידישע געריכט האָט אָבער נישט געוואָלט דורכפירן די עקזעקוציע און אַננאַ האָט זיך געמוזט ווענדן צום קעניג מיט אַ קלאַגע אויף די יידישע ריכטער און דעם קריסטלעכן פאָרזיצער יאַן זיידליץ [2].

*

*

דער צווייטער ברודער, יאַן (יאָהאַנעס), וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין שמד פאַרענדיקט די שני טורים און דעם מחזור, האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן די יידישע אַרבעט און זיך גענומען צו קריסטלעכע דרוקן. די רשימה פון זיינע קריסטלעך־לאַטייניש דרוקן איז גענוג גרויס, ווי ס׳ווייזן אָבער די יאָרן אויף די געדרוקטע ביכער, האָט ער פאַרמאַכט זיין דרוקעריי שוין אין דעם יאָר 1540. אונזערע ביבליאָגראַפן באַהויפטן צוואַר, אַז יאַן האָט אויך שפעטער געדרוקט העברעישע ספרים, זייער סברא איז אָבער נישט ריכטיק.

---

קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קליינאַזיען, דערציילט, אַז אין דעם יאָר 1552 איז אַראָפּגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון ברעסלוי אַ געשמדטער ייד אַן איינבינדער מיט צוויי זין און האָט זיך דאָ מגייר געווען. איז דאָס אפשר אַנדרעאַס העליץ?

1) סאָבציינאַ־בלעטער III זייט 44.

2) מלוכה־אַרכיוו אין לעמבערג: לעמבערגער שלאָס־אַקטן באַנד 333 זייט 389.

ווייל די דאָזיקע ספרים, וואָס זיי רעכנען אויס [למשל: מלחמת החכמה עם העושר [1], קראקע ש״ו, פסקים פון ר׳ שלום שכנא, קראָקע ש׳ (1540 [2], משניות, קראָקע ש״ב [3], ספר המבקש [4], ספר נפתלי אלהים [5] וכ״ו] האָבן אָבער גאָרנישט עקזיסטירט, אָדער זענען געדרוקט אין אַנדערע ערטער און אין אַנדערע יאָרן [6].

דער דריטער ברודער פוליוס האַליץ (פּאַוועל) ווערט נאָך זיין שמד אַ מיסיאָנער. ער פּאָרט אַרום אין פּויזנער קאַנט און ברענגט יידישע קינדער צו דער שמד. אַזוי האָט ער אין דעם יאָר 1537 אין פּויזן צוגעפירט צו דער שמד 14 יינגלעך און מיידלעך. דער ביסקופּ פון פּויזן האָט זיי אַליין אָפּגעשמדט און דער וואָיעוואָדע גורקאַ האָט אַיעדן פון זיי געשענקט צו צען גילדן. כּדי זיין מיסיאָנער־אַרבעט לייכטער אויסצופירן, האָט פוליוס באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם

1) מלחמת החכמה עם העושר מהרב יהודה ב״ר יצחק ב״ר שבתי הלוי, וכוח בין החכמה והעושר במשלים ותרוזות ונקרא גם בן מלך רב. די אויסגאַבע קען נאָר בן־יעקב [אוצר הספרים זייט 333 נ״ר 1324]. באמת איז עס נאָר אַ טעות, וואָס עס איז אַנטשטאַנען, ווייל מ׳האָט צוגעשלעפּט אַ דאַטום פון אַ פרעמד ספר [זע: סאָנצינאָ III זייט 32 נ״ר 34].

2) דער איינציקער באַקאַנטער עקזעמפּלאַר איז פאַראַנען אין בריטיש מוזעאום (קאַטאַלאָג זייט 695): פסקים שחבר... ר׳ שכנא בענין קדושין מוצא לאור ע״י ר׳ משה בן הרופא שמואל לועזי. וועגן דעם דאָזיקן איטאַליענישן דאָקטאָר שמואל בר משולם אין קראָקע זע: באַלאַבאַן: געשיכטע פון די יידן אין קראָקע באַנד I צווייטע אויפלאַגע (קראָקע 1929) זייט 141.

3) נאָר בן־יעקב ברענגט די אויסגאַבע משניות, רמש״ש, און אַנדערע וויסן פון איר נישט.

4) פרידבערג [הדפוס העברי בקראקע זייט 6] ציטירט דעם ספר המבקש און פאַררופט זיך אויף גרעץ־שפ״ר [באַנד VII זייט 337], שפ״ר פאַררופט זיך אויף צשאַצקי און דער ווידער אויף באַרטאָלאָצצי און קיינער פון זיי האָט דאָס ספר נישט געזען.

5) נפתלי אלהים, באור עניני קבלה בס׳ רבנו בחיי עה״ת, קראקע ש״ו [אוצר הספרים זייט 401 נ״ר 256]. די אויסגאַבע איז אויך נישט פאַראַנען, הגם די קראָקעווער אויסגאַבע שטאַמט פון דעם יאָר 1591 (שנ״א). דעם פעלער האָט שוין מתקן געווען רמש״ש (ק״ב נ״ר 6620).

6) אין די יאָרן 1539—1540 האָט יאָהאַנעס העליץ געדרוקט אַסך קריסטלעך־לאַטייניש ביכער, וואָס איך האָב אויסגערעכנט אין סאָנצינאָ־בלעטער III זייט 6. אויסער דעם דרוקט ער אין יאָר 1558 אַ העבר. גראַמאַטיק פון שטאַנקאַר.


מסכת תמורה

30. דאָס שערבלאַט פון דער גמרא מסכת תמורה. געדרוקט אין לובלין אין דעם יאָר 1639.

לפרקים׃ איש ברעהו יעושו ולא נזק ׃ ׃ והחיות רצוא ושוב
כמראה הבזק ׃ צנים במשמרת׃ צוהר ואשמורת׃ צל צולם
זמירות׃ צהל קול יריעו הולך וחזק׃ והחיות חשמלי
מרבבה׃ חששם לא כבה׃ חשים בלי עיכובה׃ חרידים
ומזיעים בצוק מים יזק׃ והחיות קפציא אשר׃ קולות
יבשר׃ קשת לא יחסר׃ קרב להסתכל ירא פן יתנזק ׃
והחיות המוני לגיוז׃ קובעים הגיוז׃ טובלים ברגיוז׃
צוננים בהקדש גן נעול ומעוזק׃ והחיות והחיות ישוררו הולת

# יפה

ובחרה כרדה לגיא פתרוסים׃ יהיר חסר לב
הכביר עול בשינוסים׃ צווחה וקבלה
למעתיק פלוסים׃ פקד לה סרסור להוציאה בנסים ׃
הקשה עקלתוז לשלח עמוסה׃ הטיח דברים במוטל
בעריסה׃ ופץ מי ים להציל ארוסה׃ ובספר דתותיי אין
שמו בטבוסה ׃ והשיבו שליש בשם דר מעונים׃
התיצב והבן לך מול נגת אבנים׃ דסו צפרדעים וערוב
עדים נבונים׃ וחילים קטנים׃ המלבנים בנים ׃ ׃ דבר
והשלים מכות עשרה׃ והוציאה בתפים מאפילה לאורה
׃ והכה עויינה מכה בעורה׃ והנחילה קדומה אלפים
סתורה ׃ הושיבה בסבה בארץ מדברים׃ והכניסה
לחפה בהדרי חדרים׃ וענת עץ עבות ופרי עץ הדרים ׃
וערבי נחלים וכפות תמרים ׃

## סליק תפלת היהודים אשר יקראו מגזור
## נדפס על יד יהניס העליץ בקראקו הבירה

31. די לעצטע זייט פון דעם מחזור לכל השנה חלק ב. געדרוקט פון דעם משומד יאָהאַנוס העליץ אין קראָקע אַרום די יאָרן 1638, 1639, איין־איינציק עקזעמפּלאַר אין דער פּריוואַט־ביבליאָטעק פון ה. שאָקען אין צוויקוי (זאַקסן).

בּרית חדשה אויף יידיש און האָט צו דעם צוועק באַקומען געלט פון דעם בּיסקופ גאַמראַט און פון אַנדערע פּריצים. דער אונטערנעמונגס-לוסטיקער משומד האָט זיך מיט קיין ליטעראַרישער אַרבּעט זיין קאָפּ נישט צעבּראָכן און האָט פּשוט געלאָזט אויסזעצן לוטערס דייטשע בּיבּל מיט יידישע אותיות און נאָר גאָר זעלטן האָט ער די שווערע דייטשע ווערטער פאַרטרעטן מיט לשון-קודשע, כּדי דער פּראָסטער עולם זאָל זיך נישט דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין יידיש ספר.

אין דעם יאָר 1541 איז דאָס ספר געווען פאַרטיק און זי איז דערשינען מיט דעם טיטל:

דאָס נויי טעסטימענט, דאַס דאָ ווערט גינענט

עוואַנגעליום

דאָס אישט אויף דויטש וראָליכי בּאָטשפּט, גלייך ווי אים עבּרייעשן

בּשׂורה טובה

Gedrukt zu Krokou durch Paul Helic im Jar M.D.XXXX

אויפן לינקן טיטל-בּלאַט געפינט זיך די מאָטאָ:

„אם ה׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו״ (תהילים 127, I)

Si Dominus non aedificaverit domum, frusira laborant aedificantes eam.

דערנאָך גייט די זעלבּע ציטאַטע אויף גריכיש, דערנאָך דער הערבּ פון בּיסקופ גאַמראַט, און אונטערן הערבּ נאָך אַ פסוק פון תּהילים.

אַלס מוסטער פון דער שפּראַך בּרענגען מיר עטלעכע פסוקים פון אָנהויבּ:

## בּשׂורת מתּי

דאָס אישט דאָש בּוך בּון (von) דער גיבּוירט יעזוז קריסטי, דער דאַ איז איין זון דוד דעם זונס אַבּרהם. אברהם האָט גיבּאָרן יצחק..... די געבּורט קריסטי וואַר אבּר אַלזוֹ גיטון: אַלס מרים, זייני מוטר דעם יוסף ורטרוּוען (vertraut) וואַר, אי זי מיט איינאַנדער צו הויס זאַסן, ערפאָנד זיכס. דש זי שוואַנגער וואַר פון דעם הייליגין גייַסט״ 1).

1) די יידישע איבּערזעצונג פון דעם בּרית חדשה איז אייגנטלעך נאָר איבּערגעשריבּן לוטערס דייטשער טעקסט מיט העבּרעישע אותיות (כּתב: ווייבּער-

דער יידישער „ברית חדשה“ פון פּאַוועל האַליץ האָט אָבער לגמרי פאַרפעלט זיין צוועק. די יידן האָבן זיך כּלל נישט געאיילט קויפן דאָס דאָזיקע ווערק. דער אַרויסגעבער האָט אַלזאָ באַשלאָסן צו פאַרקויפן עס קאַטאָליקן, אָבער וועלכער קאַטאָליק וועט קויפן אַ בוך, וואָס איז געדרוקט אויף העברעיש? דאָס שרעקט נישט אָפּ דעם דורכגעטריבענעם משומד. ער נעמט זיך אונטער אויסצולערנען קריסטן די העברעישע אותיות און מאַנכע ווערטער, און ער גלויבט, אַז דאָס וועט שוין זיין גענוג, אויף דורכצולעזן אַזאַ וויכטיק ווערק. פּאַוועל איז מבטיח די קריסטן נאָך אַנדערע נוצן פון קענען דעם העברעישן אַלף-בית, דען זיי וועלן קאָנען קאָנטראָלירן די יידישע בריוו און האַנדלס-ביכער און דאַדורך זיך באַקענען מיט אַלע יידישע געשעפטן. צו דעם צוועק פאַרפאַסט פּאַוועל און גיט אַרויס אַן „עלעמענטאַר- אָדער לעזע-ביכלען“, פון וועלכן יעדער קאָן, אָן הילף פון אַ לערער, אין אַ קורצער צייט זיך אויסלערנען „וויע דייטש ביכלען, מיססיווען (בּיטעס), זענדבריעפע, שולדבריעפע מיט העבראַאישען אָדער יודישען בוכשטאַבען געשריבען ווערדען“... דאָס דאָזיקע ביכל, פון וועלכן אַן איינציקער עקזעמפּלאַר געפינט זיך אין ברעסלויער שטאָט-ביבליאָטעק, איז ערשינען דעם 21-טן יוני 1543 אין הונדעפעלד (פּויליש: „פּשיעפּאַליע“), אין שלעזיען 1); דאָרט אַלזאָ וווינט שוין פּאַוועל האַליץ, „אַמאָליקער קראָקעווער דרוקער ניי-קריסט“, און דאָ ווערן פאַרלוירן זיינע שפורן. אפשר האָט ער צוריקגעקערט צום יידנטום? דען, אין יאָר 1548 לעזן מיר, אַז עמעצער קויפט אין ברעסלוי אַ הויז „אויף

טייטש) העליץ האָט אַפילו נישט געענדערט די אָרדנונג פון די ווערטער, נישט זייער קלאַנג, נאָר האָט איינס נאָך דעם צווייטן איבערגעשריבן יידיש. זיין אָרטאָגראַפיע איז נישט איינהייטלעך און פעלערהאַפט. ווי ס'דוכט זיך מיר, איז דאָס ערשטע געדרוקטע בוך אויף יידיש אין פוילן, הגם די ערשטע אויפלאַגע פון דעם ספר ר' אנשל איז כמעט אָדער אינגאַנצן נישט פאַראַן.

1) וועגן דעם ביכל זע נחום שטיפס אַרטיקל אין „פילאָלאָגישע שריפטן“ פון דעם יידיש-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, באַנד III, ווילנע 1929 זייט 515—525. אין דעם יאָר 1929 האָט הער מאַקס זילבערבערג אין ברעסלוי אַרויסגעגעבן אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון דעם ביכל אין 100 עקזעמפּלאַרן.

דער שמיעדע בריקקע״, וועלכע האָט אַמאָל געהערט צו פּאַוועל האַליץ „דעם פּערלויפענען יוד״ – דעם אַנטלאָפענעם ייד.

אין די יאָרן 1593–1578 לעבט און פירט אַ דרוקעריי אין פּויזנאָ לוקאַש האַליטש, וואָרשיינלעך – פּאַוועלס זון און טויף-זון פון פּויזנער וואָיעוואָדע לוקאַש גורקאָ (1).

## 2. ר׳ יצחק בן אהרן פראָסטיץ פון איטאַליען

נאָך דער שמד פון די ברידער העליץ איז אָן ערך פון 30 יאָר נישט געווען קיין יידישע דרוק אין קראָקע. ערשט בשנת שכ״ט (1569) האָט אָפּגעדרוקט ר׳ יצחק בן אהרן פון פּראָסטיץ דעם פירוש למדרש רבה צו דער תורה און צו די חמש מגילות (2). דער בעל-מגיה ביי די ספרים איז געווען ר׳ שמואל בן הקדוש ר׳ יצחק פיהם ז״ל, וואָס האָט פריער געאַרבעט אין די ווענעציאַנער דרוקן (3).

ווער איז געווען ר׳ יצחק דער דרוקער און פון וואַנען האָט ער געשטאַמט? אַלע היסטאָריקער און ביבליאָגראַפן זענען געווען אייניק, אַז ער וואַקסט פון פּראָסטיץ אין מעהרן, הגם ער האָט זיך אַזוי באַצייכנט אויף די שערים פון זיינע ספרים. די אַקטן פון די פּוילישע אַרכיוון ווייזן אָבער, אַז ער איז געווען אַן איטאַליע-נישער ייד, וואָס האָט שוין לאַנג געוווינט אין קראָקע. אַזוי לייענען מיר אין אַרכיוו, אַז דעם 15-טן אָקטאָבער 1568 ערלויבט דער קעניג זיגמונט אויגוסט דעם איטאַליענישן ייד ר׳ יצחק בן אהרן אין קאַזימיר לעבן קראָקע און זיינע קינדער צו דרוקן ש״ס (תלמוד) און אַנדערע ספרים און אין דער צייט פון 50 יאָר פאַרקויפן אָן אַ שטערונג מצד פון אַנדערע יידן (4). ר׳ יצחק האָט זיך באַלד גענומען צו דער

---

1) לויט נייע פאָרשונגען (Wojciechowska: Z dziejów książki w Poznaniu 1927) איז אַ דרוקער מיט דעם נאָמען נישט געווען אין פּאָזנאַן.

2) וואַכשטיין: מנחת שלמה, באַנד I נ״ר 684 און 684-a פירוש למדרש חמש מגלות רבה, פירוש למדרש הרבות מן התורה חברו הגאון מהר״ר נפתלי דמתקרי הירץ יצ״ו ריש מתיבתא בק״ק לעמבורג במדינת רוסיה.

3) שטיינשניידער – קאַססעל (ענציקלאָפּעדיע ערש און גרובער) יידישע טיפּאָגראַפיע זייט 54.

4) סאָנצינאָ-בלעטער III זייט 47 נ״ר IX.

אַרבעט און שוין אַסך בויגן אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט. ווען ס'האָבן
זיך דערמאָנט די ג ל ח י ם, „אַז דער תּלמוד האָט אין זיך אַסך באַליידי-
קונגען קעגן דער קריסטלעכער אמונה" און האָבן געבעטן דעם קעניג,
ער זאָל הייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. כּדי די זאַך צו פאַרשטיין מוזן
מיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַקוראַט אין יענער צייט האָבן פון דעם
קעניג פאַרלאַנגט עטלעכע משומדים, ער זאָל נישט דערלויבן העברעישע
ספרים און בפרט דעם תּלמוד צו דרוקן. דער קעניג האָט אָבער נישט
קיין סך געמאַכט פון דער מסירה און האָט דערלויבט עטלעכע יידן
די גמרא (ש"ס) צו דרוקן און צו פאַרשפרייטן 1). איצט אָבער, ווען
די גלחים זענען אויפגעשטאַנען אַקעגן דעם דרוק פון דעם ש"ס, האָט
זיך דער מלך באמת דערשראָקן און האָט דעם 2-טן נאָוועמבער 1569
באַפוילן דעם שלאָס-הויפטמאַן פון קראָקע – מישקאָווסקי – אַלע אָפּגע-
דרוקטע בויגן ביי ר' יצחק פראָסטיץ צו קאָנפיסקירן און גענוי קאָנטראָ-
לירן, אַז ס'זאָלן הינטן-אַרום קיין גאַנצע ספרים אָדער איינצלנע
טיילן נישט פאַרקויפט ווערן 2). דער שלאָס-הויפטמאַן האָט דעם
באַפעל פון דעם קעניג פינקטלעך אויסגעפירט און האָט קאָנפיסקירט
און פאַרזיגלט נישט נאָר די ספרים און בויגן נאָר אויך אַלע אותיות
און פרעסן. ר' יצחק האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן און האָט אָנגע-
הויבן צו זוכן פראָטעקציע ביי די גרעסטע פריצים, כּדי צוריקצובאַקומען
זיין אייגנטום. נאָך אַ יאָר אַרומלויפן האָט ר' יצחק דעם 15-טן נאָוועמבער
1570 באַקומען פון דעם קעניג אַ דעקרעט אין וועלכן דער מלך באַפעלט
דעם שלאָס-הויפטמאַן „די ספרים, פאַפיר, אותיות און פרעסן דעם
איטאַליענישן ייד יצחק (Izak Włoch) אָפּצוגעבן, וואָרים דער קעניג
האָט זיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער האָט אַפילו קיין קלער נישט
דעם תּלמוד אָדער אַנדערע ביכער צו דרוקן, וואָס זענען שעדלעך
פאַר דעם קריסטלעכן דת, און אַלע אַנדערע ספרים איז אים דערלויבט
צו דרוקן!!" 3).

אַזוי האָט ר' יצחק צוריק אָנגעהויבן צו דרוקן פאַרשידענע

1) דאָרט נ"ר VIII
2) דאָרט נ"ר IX
3) דאָרט נ"ר V

ספרים, אַחוץ ש״ס, וואָס מ׳האָט אים געדרוקט אין קראָקע ערשט אין די יאָרן שס״ב–שס״ה 1). געדרוקט האָבן דעם ש״ס ר׳ יצחקס דריי זין (אהרן, משה-יהושע און ישכר-בער, וואָס האָבן בײַ זייער פאָטער געלערנט מלאכת הדפוס און האָבן נאָך זיין טויט (שנת שע״ג) ווייטער געפירט און שטאַרק אויסגעבויט דאָס געשעפט. אַלע דריי ברידער זענען אַליין געשטאַנען בײַ דעם זאַץ-קאַסטן און אויסער דעם געהאַט צוויי פרעמדע זעצער: ר׳ יעקב בן מאיר פון העלישוי און ר׳ אהרן בן משה פון קרומענוי 2).

אין די צוואָנציקער יאָרן פון 17-טן יאָרהונדערט גייט דער דאָזיקער דרוקעריי שלעכט: אהרן מדפיס, דער שעף פון דער פירמע, פאַרזעצט אין יאָר 1622 בײַ וואַלענטי לאָנצקי, קראָקעווער בירגער און רעסטאָראַטאָר, „צוויי תכשיטים, איינער פון דימענטן, דער צווייטער פון רובינען״, פאַר 1200 פוילישע גילדן און קאָן זיי נישט אויסקויפן. דער דלות איז אַזוי גרויס, אַז אהרן קאָן נישט באַצאָלן דעם פּראָצענט, און לאָנצקי דראָט אים, אַז ער וועט פאַרקויפן די דאָזיקע איינציקע תכשיטים זיינע 3). אין 1632 קלאָגט אָן אהרנען דער איינבינדער פּושעק, אַז איידעם פונם פאַרשטאָרבענעם מאַרצין גיסער, דערפאַר וואָס „ער וויל נישט אָפּנעמען די מכשירים, וועלכע געהערן צום יידישן שריפט״, וואָס ער האָט בײַ אים באַשטעלט פאַר 16 גילדן, און וויל אויך נישט אויסקויפן דעם משכון, מיט וועלכן ער האָט געזיכערט צו אָפּנעמען די אַרבעט 4). אין דעם זעלבן יאָר מאָנט בײַ אים דורכן געריכט דער קראָקעווער בירגער, סטאַניסלאַוו סאַטאַלאַ 40 פל., אַלס רעשט פון 90 פל., וועלכע ער האָט געבאָרגט אויף אַ „מעמבראַן״ (כתב התחייבות 5). די חובות האָבן דערדריקט אהרנען און זיינע ברידער, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אין יאָר 1626 פאַרשליסן די דרוקעריי.

1) אוצר הספרים אויף זייט 592 נ״ר 653 בבלי און אויף זייט 611 נ״ר 655 ירושלמי.

2) שטיינשניידער—קאַססעל זייט 54.

3) לאַנדעס-ארכיוו אין קראָקע, וואָיעוואָדישע ביכער, באַנד I, זייטן 586, 1435, 1746 און 2531.

4) דאָרט, זייט 873.

5) דאָרט. זייט 2137. (לשון קודש: ממרן)

## ר׳ נחום מייזעלס

אין יאָר 1631 האָט געעפנט אין קראָקע אַ דרוקעריי ר׳ מנחם בן ר׳ משה שמשון, המכונה נחום מייזעלס. דאָס איז געווען אַ רייכער מענטש, וועלכער האָט די דרוקעריי איינגעאָרדנט אין זיין אייגענעם הויז אויף דעם קוזמיר און האָט אַנטוויקלט זייער אַ רירעווודיקע דרוקערישע טעטיקייט. אַ מענגע ספרים זענען יאָר־יערלעך אַרויס פון דער דאָזיקער דרוקעריי, און אין די קהלשע פנקסאות באַגעגענען מיר פיל קאָנטראַקטן מיט מחברים און אַרויסגעבער. אַזוי, למשל, מאַכט מיט אים אָפּ אין יאָר 1646 ר׳ צבי־הירש, דער זון פונם באַוווּסטן רב ר׳ יוסף כ״ץ (דער „שארית יוסף״), צו דרוקן זיינע ווערק מיטן נאָמען „נחלת צבי״ און „עטרת צבי״, וועלכע באַדאַרפן זיין פונם זעלבן פאָרמאַט, אויפן זעלבן פאַפּיר און מיט די זעלבע אותיות געדרוקט, ווי דער „בית חדש״ פון ר׳ יואל סירקעס. דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן אין חודש טבת, און דער ספר האָט באַדאַרפט זיין פאַרטיק אין חודש ניסן, ד. ה., אין משך פון 3—4 חדשים. דער מחבר צאָלט 10 פוילישע גילדן פאַרן דרוק און פאַפּיר אין 1000 עקזעמפּלאַרן, און דעם דרוקער איז נישט ערלויבט צו דרוקן מער ווי 100 בויגן איבער 1000. דער דרוקער באַדאַרף צונעמען צוויי זעצער: איינעם זייער אַ גוטן און איינעם אַן ערגערן, און צוויי „פּרעסנציער״. די באַצאָלונג איז איינגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע ראַטעס, דערביי איז אויסגענומען געוואָרן, אַז אויפן רעכענונג באַדאַרף דער מחבר יעדע וואָך איינצאָלן אַזוי פיל, וויפיל עס נעמען די זעצער. ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער דרוקער האָט עמיצן פאַרקויפט אַן עקזעמפּלאַר פון די איבריקע 100 בויגן, איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם ספר און צוויי יאָר שפּעטער, מוז ער באַצאָלן 100 פוילישע גילדן שטראָף [1].

אין דעם זעלבן יאָר (23 אדר) פאַרפליכט זיך נחום מייזעלס אָפּצודרוקן פאַרן בוכהענדלער ר׳ נטע 6000 קליינע סידורים און נעמט פאָראויס דאָס געלט. ר׳ נטע פאַרפליכט זיך אַליין צו געבן פאַפּיר גאַנצע 7 באַלן. אין דער זעלבער צייט פאַרפליכט זיך נחום אָפּצודרוקן 650 סליחות פאַר אַן אַנדער דרוקער. נחום מייזעלס האָט מורא

1) וועטשטיין: קדמוניות מפנקסאות ישנים № 11.

געהאַט פאַר קאָנקורענץ, און דערום יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנ־גענומען אַ זעצער, אָדער אַ לייגער, אָדער אַ מאַשיניסט (פרעסנציער), האָט ער מיט אים אויסגענומען, אַז ווען ער וועט פון אים אַוועקגיין, טאָר ער ביי קיינעם נישט אין קראָקע, און אַפילו אויף אייגענער האַנט, נישט באַשעפטיקן זיך מיט דרוק־מלאכה. אַזאַ אָפּמאַך האָבן מיר מיט שלום גלאזער, וועלכער נעמט אָן אין יאָר 1647 ביי מייזעלסן אַרבעט אויף דריי יאָר. ער באַקומט אין ערשטן יאָר 30 פוילישע גילדן, אין צווייטן — 40, און אין דריטן — 60 גילדן יערלעך, און אויסער דעם 5 גילדן אַ חודש אויף עסן. אין משך פון די דריי יאָר באַדאַרף ער אויסלערנען די מלאכה אַ יינגל, וועלכן דער פרינציפּאַל וועט אים אָנווייזן. פאַרן לימוד וועט ער באַזונדערס באַקומען 10 גילדן 1).

אַלע די באַוואָרענישן האָבן מייזעלס און אויך אַנדערע פוילישע דרוקערס נישט געהאָלפן, ווייל גרויס איז געווען די קאָנקורענץ פון אויסלענדישע דרוקערייען און סוחרים. פון איטאַליען און פון פּראָג האָבן פוילישע מוכר־ספרימניקעס באַצויגן פאַרשידענע ספרים צו ביליקע פרייזן און קעגן לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן. שפּעטער איז צוגעקומען דפוס אַמסטערדאַם.

אַזוי לעזן מיר אין די אַקטן, אַז דער קעניג גיט דעם ייד ר׳ ברוך הלוי (בענעדיקטוס לעוויטאַ) דעם 10־טן אַפּריל 1566 אַ פּריווילעגיע צו ברענגען קיין פוילן ספרים און דאָ זיי צו פאַרקויפן. אַז יעדערער, וואָס וועט ר׳ ברוכן שטערן אין זיין מסחר, אָדער אים טון דערווידער, וועט באַשטראָפט ווערן און זיינע ספרים וועלן אים ווערן קאָנפיסקירט 2).

אַן ענלעכע פּריווילעגיע האָט דער זעלבער מלך [זיגמונט אויגוסט] דעם 12־טן יולי 1566 געגעבן צוויי יידן אין קראָקע [דניאל און אהרן 3)] און צוויי אַפּטער יידן: לאַזאַר (אליעזר) און קלמן 4). די פיר יידן האָבן באַקומען דאָס רעכט אַריינצופירן ספרים קיין פוילן און זיי דאָ צו פאַרקויפן. כדי די פּריווילעגיע זאָל נישט סותר זיין די פּריווילעגיע,

1) פרידבערג: בדפוס העברי בקראקא זייט 32—33.
2) סאָנצינאָ־בלעטער באַנד III נ״ר V.
3) דער ר׳ אהרן איז אודאי געווען דער פאָטער פון ר׳ יצחק פון פּראָסטיץ.
4) דער ר׳ קלמן איז אפשר אידענטיש מיט ר׳ קלונימוס יאָפפע דעם דרוקער אין לובלין.

וואָס ס׳איז געוואָרן געגעבן ר׳ ברוכן הלוי, האָט דער מלך אויסדריקלעך באַמערקט, אַז צווישן דיביידע פּריווילעגיעס איז נישטאָ קיין סתירה [1]. טראָץ דער אויסדריקלעכער באַמערקונג האָבן די קראָקעווער באַאַמטע געשטערט ר׳ ברוכן אין זיין האַנדל און ער האָט זיך געמוזט ווענדן צום קעניג ער זאָל נאָך איינמאָל אויסטייטשן זיין פּריווילעגיע. דער מלך האָט זיך מרחם געווען אויף ר׳ ברוכן און האָט נאָכאַמאָל (1569) באַשטעטיקט זיין פריערע פּריווילעגיע און דערלויבט אים צו ברענגען ספרים פון אויסלאַנד [2].

אַקעגן דער קאָנקורענץ פון די אויסלענדישע דרוקן האָבן זיך פּוילישע דרוקערס פאַרטיידיקט מיט אַלע כּוחות. זיי האָבן געזוכט מיטלען, כּדי דעם איינפיר פון פרעמדע דרוקן איינצושרענקען אָדער אינגאַנצן צו פאַרביטן. אַזאַ איינשרענקונג זעען מיר אין קראָקע אין דעם יאָר שנ״ד (1594) [3]. און אַ יאָר שפּעטער (שנת שנ״ה) פאַרביט דאָס קראָקעווער קהל צו ברענגען פון איטאַליע ספרים, וואָס זענען שוין געדרוקט געוואָרן אין קראָקע. די פּרנסים פון קראָקע ווילן אינגאַנצן פאַרביטן צו ברענגען ספרים פון איטאַליען און באַפעלן די קראָקעווער מדפּיסים, זיי זאָלן צו וויסן טון זייערע קאָלעגן אין איטאַליען וועגן איעדן ספר, וואָס מ׳האָט עס אָנגעהויבן צו דרוקן אין קראָקע [4]. אין דעם יאָר שס״ו (1606) פאַרביט דער ועד ארבע ארצות צו ברענגען קיין פּוילן ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין באַזעל (שווייץ) און אין מערישע דרוקערייען, „ווייל זיי זענען פול גרייזן״. באמת ווייסן מיר אָבער גוט, אַז די סיבה פון דעם איסור איז געלעגן גאַנץ ערגעץ אַנדערש [5]. אַלע די איסורים האָבן אָבער נישט געהאָלפן, ווייל די סוחרים האָבן נישט געפאָלגט און דער עולם האָט געזוכט שיינע און ביליקע סידורים, חומשים וכו׳. פון אַ קריסטלעכער קוועלע פון דעם יאָר 1636 ווערן מיר געוווּיר, „אַז אין דעם הויז פון דעם

1) סאָנצינאָ. בלעטער באַנד III נ״ר VII.
2) דאָרט נ״ר IX
3) וועטשטיין: קדמוניות מפנקסאות ישנים זייט 17.
4) באַלאַבאַן: דער יידישער געמיינדע-סטאַטוט פון דעם יאָר 1595 (יאָרבוך דער יידיש-ליטעראַרישן געזעלשאַפט אין פראַנקפורט א/מ 1913–1916 § 95.
5) קונטרס השמ״ע (קראָקע 1894) זייטל 4.

פריץ מיעטשיסלאַוו מאַראַנגאַני פאַרקויפט אַ ייד ספרים, וואָס ער באַציט זיי פון ווענעדיק [1]. אין דעם יאָר 1645 האָבן געקויפט בשותּפות עטלעכע קראָקעווער מוכר־ספרימניקעס ביי אַ יונגנמאַן פון וואָרמס [ברוך בנדט] 300 קליינע חומשים מיט הפטורות, 400 חומשים מיט הפטורות קוואַרטאַ, 123 קליינע חומשים מיט תּרגום און הפטורות, 120 חומשים מיט תּנ״ך. דער סוחר האָט אַ חלק סחורה געליפערט תּיכף און דעם רעשט האָט ער זיך מתחייב געווען צו ליפערן אויף שבועות. די סחורה האָט געקאָסט 2250 פוילישע גילדן און אַ טייל פון דער סומע האָבן די קראָקעווער סוחרים געדעקט מיט ממרנות (וועקסל) פעליק „יריד יעראָסלב 1645" און דעם רעשט האָבן זיי זיך מתחייב געווען שפּעטער צו דעקן. זיי האָבן זיך אָבער פאַרפליכט תּיכף 400 פוילישע גילדן פאַר דער פראַכט צו באַצאָלן, ווייל די סחורה איז געגאַנגען פון דער ווייט: פון ווענעציע איבער די אַלפּן ביז קרעמס אויף דעם דאנוי און פון דאַנען איבער מערן, שלעזיען קיין קראָקע [2].

* *
*

שרעקלעך האָט געליטן די דרוקעריי ר׳ נחומס בשעת די שוועדן זענען אַריין אויף דעם קוזמיר און האָבן פון דאַנען געשטורעמט קראָקע. די פּרעסן זענען צעבראָכן געוואָרן, די אותיות געגאָסן אויף בליי פאַר קוילן [3]. אַסך יאָרן נאָך דעם אָפּמאַרש פון די שוועדן האָט ר׳ נחום נישט געקאָנט עפענען זיין דרוק און ערשט זיין איידעם: ר׳ יהודה ליב בן ר׳ שמחה בונם בן ר׳ אברהם מייזליש פון קראָקע [4] האָט נאָך דעם שווערס טויט (1659) זי געעפנט און געפירט אַן ערך ביז צום יאָר 1670. פון דער צייט איז אין קראָקע קיין דרוק נישט געווען און ערשט קעגן ענדע פון דעם XIX יאָרהונדערט האָט געעפנט יוסף פישער אַ נייע דרוק.

1) מאָיעצקי: Żydowskie okrucieństwa, mordy i zabobony קראָקע 1636 זייט 54.

2) וועטשטיין: דברים עתיקים ג״ר 27.

3) זע דאָס קאַפּיטל וועגן דער שוועדישער אינוואַזיע, אויבן זייט 116 און ווייטער

4) אַן איינקל פון דעם רמ״א, ווייל ר׳ שמחה בונם איז געווען דעם רמ״א׳ס איידעם.

* *

*

נאָענט צו דער דרוקער-קונסט שטייט די אַרבעט פון דעם א י י נ-ב י נ ד ע ר, וועלכע איז אין דעם XVII יאָרהונדערט געשטאַנען גאָר הויך. ס'פאַרשטייט זיך אַליין, אַז יידן האָבן זייערע ספרים געגעבן צו בינדן יידישע איינבינדערס, אָבער אויך קריסטן, אַפילו גלחים האָבן זיך אויך באַנוצט מיט דעם יידישן בעל-מלאכה, און דאָס האָט געבראַכט אַ שנאה צווישן דעם קריסטלעכן און דעם יידישן איינבינדער. אין דעם שטאָטישן אַרכיוו אין קראָקע זענען פאַראַן 13 פריווילעגיעס [בריוו] פון דעם קריסטלעכן צעך פון די איינבינדערס און אין די ערשטע 12 געפינט זיך נישט קיין וואָרט וועגן יידן. ערשט אין דרייצנטן בריוו פון דעם יאָר 1676 געפינען זיך 4 פאַראַגראַפן, 2, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די יידישע קאָנקורענטן. אַזוי לייענען מיר אין § 2: „ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט די שלעכטע מידה, אַז די בוכהענדלערס און בוכ-דרוקערס גיבן אַוועק יידן צו בינדן נישט נאָר וועלטלעכע ביכער נאָר אַפילו געבעט-ביכער, און קוקן נישט אויף דעם, וואָס זיי מאַכן דערמיט אַ שטאַרקן היזק די קריסטלעכע איינבינדערס און גיבן די יידן געלעגנהייט חוזק צו מאַכן פון אונזערע תפילות און הייליקע בילדער. דערפאַר דערלויבן מיר נישט – ראַטמענער און לאַווניקעס פון דער שטאָט קראָקע – פון היינט אָן אַוועקצוגעבן יידן צו בינדן קריסטלעכע ביכער אונטער אַ שטראָף פון 50 מאַרק און באיבוד די ביכער. § 3: ברעטער און ברעטלעך צום בינדן די ביכער 1) טאָרן יידישע איינבינדערס ערשט דעמאָלט קויפן אויף דעם מאַרק, ווען די קריסטלעכע מייסטערס האָבן שוין איינגעקויפט זייער באַדאַרף". די פאַראָרדענונג האָט דער מאַגיסטראַט געלאָזט דעם 30-טן יולי 1670 פובליקירן אויף דעם מאַרק אין קראָקע און אין אַלע אַנדערע גאַסן 2).

---

1) ספרים האָט מען געבונדן אין ב ר ע ט ע ר און דערפאַר זאָגט מען, אַז מ'האָט אויסגעליינט אַ ספר „מדאָסקע לדאָסקע", ד. ה. פון איין ברעט צום צווייטן.

2) פיעקאָשינסקי - קושיזשאַנאָווסקי: „Prawa, przywileje i statuta m. Krakowa" באַנד II אָפּטיילונג III נ״ר 1322 און 1332.

## 4. יידישע דרוקערייען אין זשאָלקיעוו און לעמבערג

לעמבערג האָט נישט געהאַט קיין גליק צו אַ העברעישער דרוקעריי. בעת אין קראָקע ערשיינט שוין אין יאָר 1534 דער ערשטער לשון־קודשדיקער ספר, און נישט פיל שפּעטער — אויך אין לובלין, איז אין לעמבערג כּסדר שטיל. צי דאָרט געפינט זיך קיינער נישט צו עפענען אַ „דרוקעריי־פּרעס", אָדער די צוויי דרוקערייען פון קראָקע און לובלין זענען שוין גאַנץ גענוג, צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די יידן אין פוילן — גענוג איז, אַז דאָ געפינט זיך נישט קיין דרוקעריי כּמעט ביז ענדע פון 18־טן יאָרהונדערט. דאָך עקזיסטירט אַ דרוקעריי נישט ווייט פון לעמבערג — אינם נאָענטן זשאָלקיעוו, און איר גרינדער איז ר׳ אורי פייבוש הלוי פון אַמסטערדאַם, דער עלטער־זיידע פון דער פאַמיליע לעטעריס און מדפּיס (מאַדפּעס). און אויך דער פאָטער פון דער יידישער דרוקעריי אין לעמבערג.

וווּנדערלעך איז דער גורל פון דעם דאָזיקן ערשטן זשאָלקיעווער דרוקער, אָדער אייגנטלעך: דער גורל פון זיין פאַמיליע. איר גורל און וואַנדערונגען איז אַ מיניאַטור־בילד פון דער וואַנדערונג פון יידן בכלל: עמדען — אַמסטערדאַם — זשאָלקיעוו — לעמבערג — ווין, דאָס זענען די סטאַציעס אויף דעם דאָזיקן יסורים־וועג, דאָס זענען די וועג־זיילן אויף דעם דאָזיקן שליאַך, וועלכער פירט פון מערב קיין מזרח און צוריק קיין מערב. ליידער איז דער וועג נאָך נישט פאַרענדיקט.

— — — — — — — — — — — — — —

אין יאָר 1589 האָט געווילדעוועט אַ שרעקלעכער שטורעם און דער אומגעגנט פון דער שטאָט עמדען, אין פריזלאַנד. צוויי שיפן זענען געשווומען פון שפּאַניען און צוגעקומען צום ברעג. אויף די שיפן האָבן זיך געפונען 10 אַריסטאָקראַטישע מאַראַנען („אנוסים") מיט זייערע ווייבער און פיל קינדער, און געפירט האָבן זיי מיט זיך פיל טייערע סחורות, געשטיקטע קליידער, גאָלד און זילבער. די שיפן האָבן זיי געדונגען, כּדי צו קומען אין דעם רייכן און שיינעם אַמסטערדאַם, אָבער דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן און געשליידערט די שיפן מיט די מענטשן, ווי אַ שאָל פון אַ נוס. דאַן האָבן זיי מתפּלל געווען צום רבונו של עולם, ער זאָל זען זייער פּיין און רחמנות האָבן

אויף זיי: זיי פאָרן דאָך קיין אַמסטערדאַם, כדי זיך אומצוקערן צו זייער פאָלק ישראל און נישט דינען מער קיין פרעמדע געטער. און גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף זיי, די כוואַליעס האָבן זיך באַרויקט, אָבער ווען די מאַטראָסן האָבן נאָכגעזען די שיפן אויבן און אונטן, האָבן זיי געזען, אַז עס געפינען זיך פיעל שפּאַלטן, דורך וועלכע עס באַקומט זיך אינעווייניק וואַסער. מען האָט אַלזאָ באַשלאָסן אַריינפאָרן אין פאָרט פון עמדען, כדי דאָ צו רעפּאַרירן די שיפן.

קומענדיק אין שטאָט, האָבן די אַנוסים געדונגען אַ וווינונג אין אַ שיין הויז, כדי אָפּצורוען און אַוועקלייגן זייער באַגאַזש. ווען זיי האָבן זיך אַביסל אויסגערוט, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַטראַכטן די שטאָט, און האָבן באַשטעלט אַ קליין יינגל, ער זאָל זיי אַרומפירן און ווייזן די מערקווירדיקייטן, וואָס זענען ווערט צו באַטראַכטן. אויפן וועג האָבן זיי דערזען אין אַ פענצטער אַ פעטע געשאָכטענע גאַנז, און לעבן איר אַ צעטעלע אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. צוריקקומענדיק אין דער אַכסניא, האָבן זיי וועגן דעם דערציילט דעם ווירט און געבעטן אים, צו שאַפן זיי אַ גאַנז אויף מיטאָג. דער ווירט האָט תיכף געשיקט אַ יינגל, און ווען דאָס יינגל איז צוריקגעקומען מיט דער גאַנז, האָט ער אויסגערופן: „זעט, איך האָב געקויפט די גאַנז ביים יידן משה אורי הלוי, אָט איז נאָך דאָס העברעישע צעטל אָנגעהאָנגען אויפן האַלז!". די שפּאַנישע געסט האָבן פאַרוואונדערט אויסגערופן: „צי האָבן מיר גוט געהערט, צי איז מעגלעך, אַז דאָ זאָלן וווינען יידן?" דער ווירט, וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ ייד, האָט געענטפערט: „אַזוי איז עס. אין 1581, ווען 7 האָלענדישע פּראָווינצן האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער שפּאַנישער קרוין, האָבן די גענעראַל-שטאַטען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדערן, אָן אונטערשיד פון אָפּשטאַמונג און רעליגיע, איז ערלויבט צו באַזעצן זיך אויף דער דאָזיקער ערד און אויספירן די געבאָטן פון זיין רעליגיע, אויסער די קאַטאָליקן, וועלכע זענען נאָך גרייט צו מאַכן אַ פאַרשווערונג, כדי צוריקצוקערן צום שפּאַנישן סצעפּטער"... און די שפּאַנישע לייט האָבן דערויף געענטפערט: „מאָרגן גייען מיר צו דעם דאָזיקן מאַן, דען מיר ווילן רעדן מיט אים אונטער פיר אויגן".

אויף מאָרגן איז דער ווירט פונם הויז געגאַנגען מיט צוויי פון

די אָנגעזעענסטע אַנוסים צו ר׳ משה אורי, און ווען יענער האָט דערזען די חשובע געסט, איז ער אַרויס אַנטקעגן זיי און זיי אַריינגעפירט אין זיין הויז. ווען זיי האָבֿן אָנגעהויבֿן רעדן מיט אים אויף שפּאַניש, האָט ער גערופן זיין זון, ער זאָל זיין דער איבערזעצער, ווייל ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען די דאָזיקע שפּראַך. די לייט האָבֿן געזאָגט אויף שפּאַניש: „מיר האָבֿן דיר אָנצופאַרטרויען אַ גרויס געהיימניש. פיר אונז אין דעם ווייטסטן צימער פון דיין הויז, כּדי מיר זאָלן קענען רעדן און קיינער זאָל אונז נישט אונטערהערן”. און ווען ער האָט זיי אַהין אַריינגעפירט, האָבֿן זיי אים געזאָגט: „איצט קאָנען מיר זיך דיר אָנפאַרטרויען: מיר זענען נישט קיין קאַטאָליקן, און נישט קיין שפּאַניער, נאָר מיר זענען יידן און צוויי מאָל אין טאָג זאָגן מיר, פונקט ווי דו, די תּפלה און דעם אַני־מאמין וועגן גאָטס אייניקייט. מיר זענען אַנטלאָפן פון קאַסטיליען, כּדי צו קאָנען אין אַמסטערדאַם עפנטלעך דינען דעם איינציקן גאָט; דען מיר האָבֿן געהערט, אַז דאָרט איז דאָס דערלויבט צו טון עפנטלעך. נאָר דער שטורעם האָט אונז פאַרטריבֿן אַהער, אַלזאָ ווילן מיר דאָ אַריינטרעטן בּברית אברהם און זיך לאָזן מל זיין: אויסער דעם ווילן מיר האָבֿן אַ לערער און אַ רב פאַר אונז און פאַר אונזערע זין, כּדי ער זאָל אונז לערנען די עיקרים פון גאָטס תּורה און זאָל טעגלעך דאַוונען מיט אונז און אונזערע קינדער. ווער עס וועט קומען צו אונז, וועט קיין חרטה נישט האָבֿן, אים וועט קיין זאַך נישט פעלן, דען גאָט בּרוך הוא האָט אונז געבֿענטשט מיט רייכטום מיט דער פולער האַנט!”

און משה אורי הלוי האָט געענטפערט: „געלויבט זאָל זיין דער אויבֿערשטער, וועלכער האָט אייך געבראַכט אין אונזער הויז. זייט שטאַרק און אויסגעהאַלטן, און מיר וועלן ערפילן אייערע בּאַגערן. אָבֿער דאָ קאָן דאָס נישט געשען, פאָרט אַלזאָ קיין אַמסטערדאַם, און מיר וועלן אַהין קומען נאָך אייך”.

און זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם, נאָכדעם ווי זייערע שיפן זענען רעפּאַרירט געוואָרן. דעם 22־טן אַפּריל 1593 האָבֿן זיי געדונגען אַ הויז אויף דער גאַס יאָנקהערשטראַאַט, און דריי וואָכן שפּעטער איז געקומען אַהין ר׳ משה אורי מיט זיין פאַמיליע, פאַרקויפנדיק פריער זיין הויז און זיין סחורה אין עמדען.

שוין אויפן צווייטן טאָג איז משה אורי צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און דער ערשטער, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צום יידנטום, איז געווען דער פרומער זקן דון יעקב טיראַדאָ [1].

— — — — — — — — — — — — — — —

משה אורי פייבוש הלוי איז געווען דער ערשטער לערער פון דער נייער אַמסטערדאַמער קהלה ביז זיין טויט (1620–1544), און זיין זון אהרן איז געווען חזן ביי דער דאָזיקער קהלה פיל יאָרן [2]. אַ זון פון אהרן און אייניקל פון משהן איז אונזער ר׳ אורי פייבוש הלוי.

ער איז דער אייגנטימער פון אַ באַרימטער דרוקעריי, וועלכע דרוקט שוין אין די זעכציקער יאָרן פונם 17-טן יאָרהונדערט אַ מענגע ווערק. אין די יאָרן 1678–1676 האָט ר׳ אורי פייבוש אונטערגענומען די אויסגאַבע פון אַ יידיש-דייטשער איבערזעצונג פון גאַנץ תנ״ך, אויס-געפירט דורך יקותיאל בליטץ. אָבער די דאָזיקע אויסגאַבע איז געווען איבער זיינע כוחות, און דערום האָט ער צוגענומען אַלס שותפים צוויי בירגער קריסטן: דעם לאַוניק ווילהעלם בלוי און דעם יוריסט לוירענציוס (לאָרענצאָ) באַקע. וועלנדיק, אַז זייער קאַפּיטאַל זאָל זיין זיכערער, האָבן זיך ביידע שותפים באַמיט צו באַקומען פון מלך יאַן סאָביעסקי אַ פּריווילעגיע, וועלכע פאַרזיכערט דעם דאָזיקן תנ״ך דאָס רעכט פאַרקויפט צו ווערן אין פוילן, און פאַרביט יעדע קאָנקורענץ-אויסגאַבע אין משך פון צוואָנציק יאָר. נאָך פריער האָט ר׳ אורי פייבוש באַקומען אַן ענלעכע פּריווילעגיע אויף 10 יאָר פונם יידישן סיים, ד. ה., פונם „ועד ארבע ארצות״ אין פוילן. אָבער, נישט קוקנדיק אויף די דאָזיקע פאַרזיכערונגען, האָט די קאָנקורענץ נישט גערוט, און דער זעצער יוסף וויטצענהויזען האָט געמאַכט אַן ענלעכע איבערזעצונג,

1) דוד דע באַרריאָס (איידער ער איז געוואָרן אַ ייד: דאָן מיקעל דע באַרריאָס); האַנטשריפט אין דער אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן דורך זולצבאַך: „בילדער אויס דער יודישען פערגאַנגענהייט, פראַנקפורט אַ/מ, 1914, לויט אַ קאָפּיע אין באַזיץ פון ליפּמאַן פרינס, פראַנקפורט דמיין״. ווי עס שיינט, האָט די דאָזיקע כראָניק, אָבער שוין אַ געדרוקטע (אַמסטערדאַם 1714), געזען לעטעריס ביים פאָטער אין הויז, און ער רעדט וועגן איר אין זיינע ערינערונגען „זכרון בספר״ (ווין 1869) זייט 13.

2) לויט לעטעריס האָט ער געזאָלט אין זיין לעבן האָבן געמלעט 930 אַנוסים.

און אָפּגעדרוקט האָט זי דער רייכער אַמסטערדאַמער דרוקער און אַרויס־געבער יוסף אַטיאַס [1].

ווי עס שיינט, האָט אורי פייבוש צוליב דער דאָזיקער קאָנקורענץ נישט געקאָנט זיך האַלטן אין אַמסטערדאַם, און לערך אינם יאָר 1690 האָט ער זיך אויף שטענדיק אַריבערגעצויגן קיין פוילן. דאָ האָט ער זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, ווו ער האָט געזאָלט באַקומען אַ פּריווי־לעגיע פון מלך יאַן III [2]. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז ביז איצט נישט געלונגען אָפּצוזוכן. נאָר וואָרשיינלעך האָט זי עקזיסטירט, דען אויף איר האָבן זיך פאַררופן ר׳ אוריס אוראייניקלעך אין יאָר 1782, בשעת דער ערשטער עסטרייכישער רעוויזיע פון דרוקערייען, און די מאַכט האָט נישט געמאַכט קיין שאלות.

די צייט, אין וועלכער ר׳ אורי פייבוש האָט זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, איז געווען פאַר דער יידישער קהלה אין יענער שטאָט אַ גליקלעכע. דאָרט האָט געוווינט דער קעניג יאַן III סאָביעסקי, „דער האַר פון זשאָלקיעוו״, און לעבן אים צוויי איינפלוסרייכע יידן: דער הויף־דאָקטאָר ד״ר שמחה מנחם און דער אַדמיניסטראַטאָר פון די שטייערן אין רייסן, בצלאל בן נתן [3]. וואָרשיינלעך, האָבן זיי גענומען אונטער זייער שוץ די נייע דרוקעריי און איר געגעבן הילף קעגן די תחבולות פון די קעגנער. און קיין קעגנער האָבן אין פוילן נישט געפעלט. אורי פייבוש האָט געדרוקט ריין און שיין, בעת די הינטער־שטעליקע דרוקערייען אין קראָקע און לובלין האָבן געקלאַפּט נאַכלעסיק און אויף זייער שלעכטן פּאַפּיר. שוין אין יאָר 1680 באַקלאָגן זיך די פרנסים פון „ועד אַרבע אַרצות״ אין יאַראָסלאַוו אויף דעם שלעכטן און מטושטשן דרוק פון די ספרי־לימוד, דורך וועלכע די יוגנט פאַרדאַרבט זיך די אויגן. דער „ועד״ באַשליסט צו מאַכן אַ סוף צו דער זאַך: „אויספלאַסטערן די סטעשקע, באַזייטיקן די שטיינערביים וועג, פאַרשטאַרקן

1) גרעץ, געשיכטע, באַנד IX, זייטע 488 און ווייטער.

2) לעטעריס רעכנט, אז נישט אורי פייבוש, נאָר זיין זון חיים דוד האָט זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, און דאָס איז געשען לויט דער פּאַזיטיווער אַרויסרופונג פון קעניג יאַן III סאָביעסקי. ווי עס שיינט, איז דאָס געווען אַ מסורה ביי דער פאַמיליע, אָבער זי האַלט נישט אויס קיין קריטיק.

3) זע אויבן זייטל 48 און זייטל 59.

דעם עץ החיים", ד. ה., ער באַפעלט צו דרוקן גוט און אָן פעלערן [1]. קעגן דער דאָזיקער ירידה פון דער דרוקעריי-קונסט האָט אַסך אויפ-געטון ר' אורי פייבוש און וועגן אים זאָגן די „תקנות הועד" פון יאָר 1697 פאָלגנדעס:

„מיר האָבן געזען דעם גרויסן חורבן, צוליב דער ירידה פון דער דרוקעריי-קונסט אין אונזער לאַנד; צוליב די דאָזיקע דרוקער איז כמעט די תורה פאַרגעסן געוואָרן בישראל, ווייל די אותיות אין זייערע אויסגאַבן האָבן פאַרנאַרישט און בלינד געמאַכט די אויגן פון די ליבע יינגלעך, וועלכע זיצן איבער די ספרים, און דערויף זענען אויפמערקזאַם געוואָרן די געלערנטע זקנים און אלופים פון די ארבע ארצות, אָבער דאָס האָט נישט פיל געהאָלפן, ביז עס איז נישט געקומען אין אונזער גרעניץ ר' אורי פייבוש הלוי, צו באַלויכטן די ערד און אירע איינוווינער".

אויף אַ זיצונג פון דעם „ועד" אין יאָר 1697 האָט מען זיך באַראָטן וועגן דער דאָזיקער דרוקעריי, וואָס אירע צוויי עלטערע שוועסטער האָבן געוואָלט זי פאַר יעדן פרייז אומברענגען. צו דעם צוועק האָבן זיי געבראַכט פון אויסלאַנד פרעמדע סחורה און זי פאַר-קויפט אין זייערע דרוקערייען, און דאַדורך קאָנקורירט מיט די אויסגאַבן פון ר' אורי פייבוש. דער „ועד ד' ארצות" איז געשטאַנען אויף דער זייט פון ר' אורי און האָט באַשלאָסן, אַז יעדער פון די דריי דרוקערייען אין לאַנד (קראָקע, לובלין, זשאָלקיעוו) איז ערלויבט אין משך פון אַ יאָר צו דרוקן נאָר צו 700 בויגן, און חוץ דעם נאָר קליינע דרוק-זאַכן, און נאָר ביי זיך, אָבער נישט אין אויסלאַנד. אויף יעדער דרוקעריי איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָנטראָלער, אַלס קאָנט-ראָלאָרן פון דער זשאָלקיעווער דרוקעריי זענען באַשטימט געוואָרן דער לעמבערגער רב און דער קעניגלעכער לייבאַרצט ד"ר שמחה מנחם מיונה [2].

אָבער נישט פיל האָט געהאָלפן דער באַשלוס פון „ועד ד' אַרצות", דען צוויי יאָר נאָכדעם (1699) באַשעפטיקט זיך דער „ועד ד' אַרצות" ווידער מיט דער זשאָלקיעווער דרוקעריי און פאַרביט די

1) לעווין: נייע מאַטעריאַלן צור געשיכטע דער פירלענדערסינאָדע I, 62.

2) שלמה בובער: קריה נשגבה, זייט 104—105.

בוכהענדלער און דרוקער צו ברענגען פון אויסלאַנד אָדער איבערדרוקן אין לאַנד די ספרים, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ר׳ אורי. ס׳איז אויך פאַרבאָטן די דרוקערייען און בוכהענדלער צו ברענגען פון אויסלאַנד דייטש-יידישע ביכער, וועלכע האַלטן ווייניקער ווי 10 דרוק-בויגן.

נאָך אורי פייבושעס טויט האָבן איבערגענומען די דרוקעריי זיינע צוויי אייניקלעך (זין פון זיין פרי-פאַרשטאָרבענעם זון חיים דוד): אהרן און גרשון. ביידע דרוקן באַזונדער און צוזאַמען, און דאָס באַווייזט, אַז די פרעסן זענען געווען צעטיילט און אַז אין זשאָלקיעוו האָבן זיך געפונען צוויי דרוקערייען. אַזוי דרוקן אין יאָר 1732 אהרן און גרשון, די זין פון ר׳ חיים דוד און אייניקלעך פון ר׳ אורי פייבוש, דעם ספר „בית לוי" פון ר׳ לוי בן שמואל מבראָדי „מיט דער ערלויבניש פונם קרוינפרינץ יאַקאָב"[1]. אין יאָר 1753 האָבן מיר אַן אַנדער קאָמבינאַציע: דאָס ווערק „קול-יהודה" דרוקט גרשון צוזאַמען מיטן איידעם פון זיין ברודער אהרן, דוד בן מנחם מאַנן. אין יאָר 1766 זעען מיר ווידער די דאָזיקע שותפים אויפן טיטול-בלאַט פון אַלכסנדר שורס ווערק „שמלה חדשה", „אונטער דער הערשונג פונם ווילנער וואָיעוואָדע, פירשט קאַראָל סטאַניסלאַוו ראַדזיוויל". אונטערן טיטול איז צוגעגעבן: „אַמסטערדאַם מיט זשאָלקיעווער אותיות"[2].

אהרן בן חיים דוד האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער. דער זון האָט געהייסן, ווי זיין זיידע, חיים דוד, מיטן ביינאָמען „מדפיס" (דרוקער). די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דוד, מנחמס זון, און נאָך זיין טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט ר׳ צבי-הירש ראָזאַנעס, דעם לעמבערגער רב (געשטאָרבן 1805). חיים דוד איז געווען פאַרהייראַט מיט טויבע און געהאַט אַ זון אהרן מדפיס, און דער האָט געהאַט אַ זון אברהם יוסף, אייגנטימער פון אַ דרוקעריי כמעט ביז ענדע XIX-טן יאָרהונדערט (לעמבערג, קאַזמירזשאָווסקאַ № 21).

דער צווייטער צווייג פון דער דאָזיקער משפחה הייבט זיך אָן

---

1) אוצר הספרים זייט 74 נ"ר 448.

2) וואַכשטיין: קאַטאַלאָג דער סאַלאָ—קאָהנשען שענקונגען (מנחת שלמה). באנד I, ווין 1911.

מיט ר׳ גרשון און אין די עסטרייכישע צייטן נעמט זי אָן דעם נאָמען לעטעריס. פון איר שטאַמט דער באַוווסטער געלערטער ד״ר מאיר הלוי לעטעריס (1871–1809 [1]).

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עסטרייך האָט פאַרנומען גאַליציען, האָט די נייע מאַכט אָנגעהויבן אין יאָר 1782 נאָכקוקן די דרוקעריי-אָנגעלעגנהייטן, און זיך פאַרנומען אויך מיט די יידישע דרוקערייען. מען האָט, קודם-כל, געמאַט אַ רשימה פון אַלע עקזיסטירנדע דרוקערייען און פעסטגעשטעלט, אַז אַזעלכע עקזיסטירן נאָר אין סאַמבאָר און אין זשאָלקיעוו. די סאַמבאָרער דרוקעריי (אָדער אייגנטלעך צוויי קליינע דרוקלעך) האָט געהאַט אַ פּריווילעגיע פון קעניג אויגוסט III, און זי האָט געדרוקט בלויז לוחות און קליינע בראָשורן. דאַקעגן אין זשאָלקיעוו האָבן זיך געפונען גאַנצע דריי דרוקערייען, וועלכע האָבן געהערט צו די דערמאָנטע אייניקלעך פון ר׳ אורי פייבוש און זיך פאַררופן אויף דער פּריווילעגיע פון קעניג יאַן III. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט באַפוילן נאָכצוזען די דאָזיקע פּריווילעגיע און דערווייל דערוועקט דעם געדאַנק, צי וואָלט נישט גלייך געווען, אַריבערצופירן אַלע דריי דרוקערייען קיין לעמבערג און שאַפן פון זיי איין גרויסע דרוקעריי? דעם 20-טן מאַי 1782 האָט דער קייזער יאָזעף II געשיקט אַ ריי פראַגן צו דער הויף-קאַנצעלאַריע, און שוין דעם 4-טן יוני זענען די אַקטן געווען אין דער גאַליצישער גובערניאַל-פאַרוואַלטונג. אַ גאַנץ יאָר (4-טן יולי 1783) האָט די גאַליצישע גובערניאַל-פאַרוואַלטונג נישט געגעבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער, נאָר אַריבערגעשיקט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל קיין ווין, און דערצו צוגעגעבן נאָך אַ ריי ווייטערדיקע פראַגן:

1) צי וואָלט געווען ראַציאָנעל די פאַראייניקונג פון אַלע דרוקערייען?

1) אין דער געשיכטע פון די דאָזיקע דרוקערייען אין די עסטרייכישע צייטן האָב איך מיך געשטיצט אויף די אַקטן פונם אַרכיוו פון אינערן-מיניסטעריום אין ווין: פאַסציקולען IV, באַנד 7, נ״ר 2627, ווי אויך: הויז-, האָף- און שטאַטס-אַרכיוו אין ווין, שטאַטס-אַקטן פון י. 1775, 1652 №, אויך די רשימות אין אַרכיוו פון לעמבערגער שטאַטהאַלטעריי, ז. 1172. מאַנכע דערגאַנצונגען ברענג איך פון די מעמוארן לעטעריס „זכרון בספר״, ווין, 1869.

2) צי דאַרף מען דער דאָזיקער פּאַראייניקטער דרוקעריי געבן מאָנאָפּאָלן אויף 10 יאָר?

3) צי דאַרף מען באַגרענעצן דעם אַריינפיר פון ביכער, וואָס דרוקן זיך אין אויסלאַנד?

4) צי די צענזור דאַרף איבערגעגעבן ווערן דעם פּראָפעסאָר פון העברעיש אין דער אוניווערזיטעט, וואָס ווערט געגרינדעט איז לעמבערג? צי דאַרף ער באַקומען אַ געהילף? און אַזוי ווייטער.

די פּאַראייניקטע: הויף-קאַנצעלאַריע, הויף-קאַמער און „הויף-באַנקאָדעפּוטאַציאָן” האָבן דעם 1-טן אַפּריל אַרויסגעגעבן פאָלגנדן באַשלוס: „עס איז געוווּנטשן צו פּאַראייניקן אַלע דרוקערייען, דערביי אָבער גייען-אַריין אין רעכענונג נאָר דריי: 1) חיים אהרן (מדפיס); 2) זיין שוועסטער יהודית — די אַלמנה פון דוד מנחם מאַנן, צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיטן לעמבערגער רב ראָזאַנעס; 3) וואָלף גרשון (וואָלף, זון פון גרשון לעטערים) — די איבעריקע בעלנים דאַרף מען נישט נעמען אין באַטראַכט, ווייל אָדער זיי קענען גאָרנישט די דרוקעריי-קונסט, אָדער זיי באַזיצן נישט קיין קאַפּיטאַל און נישט קיין זאַפּאַס פון ביכער און פלאַטן. דער רעפערענט האָט אָבער נישט קיין גרויסן צוטרוי אויך צו די דאָזיקע דריי, ווייל זיי רייסן זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן, און וואָלף לעטערים איז פאַרשולדיקט איבער די אויערן. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט נישט מסכים געווען צו פּאַראייניקן די דרוקערייען, דאַקעגן אָבער האָט זי זיך אַרויסגעזאָגט פאַר געבן לאַנגיעריקע מאָנאָפּאָלן אויף טייערע ווערק, ווי אויך צו באַגרענעצן דעם אַריינפיר פון אויסלאַנד. די קריסטלעכע דרוקער, אויב זיי ווילן זיך פאַרפליכטן צו דרוקן העברעישע ספרים, דאַרף מען געבן די זעלבע פּריווילעגיעס, ווי די יידישע; די צענזור באַדאַרף פירן דער פּראָפעסאָר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט צוזאַמען מיט אַ ספּע-ציעלן געהילף”.

דערמיט האָט זיך געענדיקט די לאַנגיעריקע שרייבעריי און אַלץ וואָלט געבליבן ווי פריער, ווען דערווייל וואָלטן נישט אויסגעפירט געוואָרן די באַפעלן פונם 4-טן יוני און 19-טן אָקטאָבער 1782 און מ׳וואָלט נישט געצווונגען די זשאָלקיעווער דרוקער אַריבערצופירן זייערע דרוקערייען קיין לעמבערג. לעטערים האָט תיכף געפאָלגט,

דאַקעגן אָבער מדפיס און זיין שוואָגער דוד בן מנחם מאַנן האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין לעמבערג ערשט דאַן, ווען מ׳האָט פאַרשלאָסן זייער דרוקעריי אין זשאָלקיעוו.

אין יאָר 1791 זעען מיר אין לעמבערג פאָלגנדע יידישע דרוקערייען: 1) חיים מדפיס; 2) יהודית ראָזאַנעס (פריער מאַנן); 3) טשאַרנע, אַלמנה פון וואָלף לעטעריס, צוזאַמען מיט איר זון גרשון; 4) זלמן ראַפּאָפּאָרט, אָדער יהודה זלמן בן נפתלי הערץ, המכונה זלמן יאַרעש ראַפּאָפּאָרט.

טשאַרנע לעטעריס איז פאַרבליבן אין לעמבערג העכסטנס ביז העלפט פון יאָר 1793, דען דעם 3-טן אויגוסט אין יענעם יאָר האָט זי באַקומען אַ הויף-קאָנצעסיע צו פירן איר אונטערנעמונג אין זשאָלקיעוו. די דרוקעריי פון יהודית מאַנן האָט אייניקע מאָל געביטן אירע אייגנטימער. נאָכן טויט פון איר מאַן מאַנן האָט יהודית אַליין געפירט די דרוקעריי, און דערנאָך צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, דעם רב ראָזאַנעס. נאָך איר טויט האָט געפירט די דרוקעריי דער רב ראָזאַנעס, און דער אָנפירער איז געווען יהודיתעס זון אָדער שטיפזון: נפתלי הערץ גראָסמאַן, אין יאָר 1804 בעט ראָזאַנעס די גובערניאַל-פאַרוואַלטונג איבערצושרייבן די קאָנצעסיע אויפן נאָמען פונם זעלבן גראָסמאַן, ווייל סיי-ווי-סיי פירט ער שוין 12 יאָר די דאָזיקע אונטערנעמונג. ביז ס׳איז אָנגעקומען דער ענטפער פונם גובערניום איז ראָזאַנעס געשטאָרבן, און גראָסמאַן אַליין האָט שוין דערלאַנגט אַ ביטע און באַקומען אַ קאָנצעסיע פון שטאַאַטסראַט דעם 11-טן דעצעמבער 1804 נומער 1477—22323 (אַרכיוו פון אינערן-מיניסט. אין ווין IV, ב. 7, נומער 2627, אַקט 119).

נאָך גראָסמאַנס טויט האָט די דרוקעריי געפירט זיין אַלמנה: חוה גראָסמאַן.

נאָך וועגן צוויי יידישע לעמבערג-זשאָלקיעווער דרוקערייען דערציילן אונז די אַקטן פון ווינער מיניסטעריום און פון די ביבליאָטעקן: זיי געהערן צו מאַיערהאָפער און צו רובינשטיין.

אברהם יהודה-ליב מאַיערהאָפער, אָדער ווי ער הייסט אין די אַקטן: יודאַס מאַיערהאָפער איז אַ גרויסער יחסן. אמת, זיין טאַטן קענען מיר נישט, אָבער זיין שווער איז דער לעצטער נאמן

פונם „ועד ד׳ אַרצות״ און דער רב פון זשאָלקיעוו, ר׳ פּינחס הײלפּערן פון שוויערזש; דער פּאָטער פון דעם דאָזיקן ר׳ פּינחס און דער זיידע פון מאַיערהאָפס פרוי איז געווען דער פּאָרלעצטער פּרנס פונם ועד, אָדער דער מאַרשאַלעק פון די יידן אין קרוין-פּוילן, און האָט געהייסן ר׳ אברהם בן חיים (נפטר געוואָרן 1762 אין לובלין) [1].

מאַיערהאָפער האָט באַקומען די קאָנצעסיע אויף אַ דרוקעריי אין זשאָלקיעוו דעם 20-טן מאַי 1791, און נאָך זיין טויט נעמט איבער די דאָזיקע דרוקעריי זיין זון משה, לויט אַ דעקרעט פון דער הויף-קאַנצעלאַריע דעם 26-טן סעפּטעמבער 1811. פון די אַקטן דערוויסן מיר זיך, אַז סיי יהודה, סיי משה זענען געווען זייער רייכע, דען זיי האָבן פאַרמאָגט צוויי הייזער אין זשאָלקיעוו, וועלכע זיי האָבן ספּעציעל צוגענומען אויף אַ דרוקעריי. אין יאָר 1840 איז דער אייגנטימער פון דער דאָזיקער דרוקעריי משהס זון: שאול מאַיערהאָפער.

די דרוקעריי פון ר ו ב י נ ש ט י י ן עקזיסטירט וואָרשיינלעך אָן אַן אָפיציעלער ערלויבניש שוין לערך אין יאָר 1800, ווייל פון יענער צייט געפינען מיר שוין ספרים, וואָס זענען דאָרט געדרוקט. ערשט אין יאָר 1807 בעט אוריאַס רובינשטיין וועגן אַ קאָנצעסיע אויף אַ דרוקעריי אין לעמבערג, און לייגט ביי צו דער ביטע אַ צייגניש פון לערנען זיין פאַך אין ברעסלוי. אָבער וועגן זיין באַגער דערוויסן זיך די צוויי אַנדערע לעמבערגער דרוקער: אהרן מדפיס און הערץ גראָסמאַן, און זיי דערלאַנגען אַן אַלאונטערטעניקסטע „מסירה״ אָדער ידיעה, אַז רובינשטיין האָט קיינמאָל נישט געזען פאַר די אויגן ברעסלוי און האָט אַלזאָ דאָרט נישט געקאָנט לערנען די דרוקעריי-קונסט. רובינשטיין האָט געוווּסט, ווי זיך משתדל צו זיין וועגן זיין עסק, און מיט דער דאָזיקער „שתדלנות״ האָט ער איבערצייגט די הויף-קאַנצעלאַריע, אַז די לעמבערגער דרוקער זענען אים שונאים, און ער האָט באַקומען אַ קאָנצעסיע דעם 7-טן פעברואַר 1808. באַלד האָט רובינשטיין אָנגע-הויבן די אַרבעט אין זיין שוין „קאָנצעסיאָנירטער״ דרוקעריי, דען אין יאָר 1809 האָט ער שוין אָפּגעדרוקט דאָס מאַטעמאַטישע ווערק

1) באַלאַבאַן מאיר: די יודענשטאָט פאָן לובלין, בערלין 1919, זייט 68 און ווייטער.

פון אליהו מזרחי. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צוגעבן זיין גאַנצן טיטול: „ק. ק. פריווילעגירטע רובינשטיינישע דרוקעריי“, פונקט ווי אויף אַן אַנדער ווערק האָט ער אָנגעגעבן: „אוריאַס רובינשטיין מיט בוכשטאַבן אויס ווין“.

אָבער צו ענג איז רובינשטיינען געווען אין לעמבערג. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער קייזער פראַנץ האָט „געטרפהט“ דעם גרעסטן טייל פון די לעמבערגער גאַסן, ד. ה., ער האָט אַרויסגעטריבן פון זיי די יידן און זיי אַריינגעשפאַרט אין געטאָ. רובינשטיין האָט נישט געוואָלט זיצן „אין פינצטערניש“ צוזאַמען מיט אַנדערע, „ער זאָל אַפילו דאַדורך מוזן פאַרלאָזן לעמבערג און זיך אַריבערטראָגן אין זיין געבורטס-שטאָט זשאָלקיעוו“. אָבער די מאַכט האָט דאָס אים נישט ערלויבט. ער אָבער האָט זיך באַנוצט מיט דעם „איבערפאַל פון שונא“, כדי אונטער זיין שוץ צו פאַרלאָזן אין יאָר 1809 די „קייזערלעכע“ שטאָט. מיטן נאָמען „איבערפאַל“ רופן אָן די ווינער אַקטן דאָס פאַרנעמען לעמבערג דורכן פוילישן מיליטער פון וואַרשעווער פירשטנטום דעם 27-טן מאַי 1809 און שאַפן דאָ אַ פוילישע רעגירונג. אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט געדויערט נאָר ביזן 20-טן יוני [1]). דען אין יענעם טאָג איז די עסטרייכישע מאַכט צוריקגעקערט, און רובינשטיין וואָלט געהאַט אַ שטרענגע שטראָף פאַר זיין „נישט-פאַטריאָטישער“ אויפפירונג, ווען ער וואָלט נישט דערווייל געשטאָרבן. זיין אַלמנה (חיה) האָט, אַלס באַגנעדיקונג, צוריק באַקומען די קאָנצעסיע, אָבער נאָר אויף לעמבערג און אויך דאָס נאָר אין יידישן קוואַרטאַל. אין דער פאַמיליע רובינשטיין זענען אָבער פאָרגעקומען נישט קיין זייער „ערלעכע זאַכן“, דען אין דער גובערניאַל-פאַרוואַלטונג איז אָנגעקומען אַ ביטע, אונטערגעשריבן „חיה רובינשטיין“, מיטן ווונטש, אַז מען זאָל ערלויבן איבערטראָגן די דרוקעריי קיין זשאָלקיעוו און איבערשרייבן די קאָנצעסיע אויפן נאָמען פון איר שוואָגער: יצחק רובינשטיין. חיה האָט זיך באַצייטנס דערוווסט וועגן דעם דאָזיקן שפּיצל פון איר שוואָגער און האָט וועגן דעם מודיע געווען דער מאַכט. די זאַך איז אָנגעקומען

1) פּאַוולאָווסקי בראָניסלאַוו: „לוואָוו אין יאָר 1809“, לוואָווער ביבליאָטעק, נומער III לוואָוו 1909.

צום שטאַטסראַט אין ווין. דערווייל אָבער איז חיה דעם 3-טן יאַנואַר 1813 געשטאָרבן, און איר שוואָגער יצחק רובינשטיין האָט פאָרגעלייגט אירס אַ צוואה, אין וועלכער זי מאַכט אים פאַר איר יורש. די הויף-קאַנצעליאַריע האָט אָבער יצחקן נישט געגלויבט, און דורך אַ דעקרעט פונם 22-טן יולי 1813 האָט זי אָפּגענומען די קאָנצעסיע פון דער דאָזיקער דרוקעריי און באַפוילן צו פאַרשליסן די גאַנצע אונטערנעמונג.

אין יאָר 1830 ווערט געגרינדעט אין לעמבערג די באַלאַבאַנישע דרוקעריי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז נישט לאַנג, און איז פאַר-מאַכט געוואָרן בעת דער מלחמה, ווייל אַלע מאַנסלייט פון דער דאָזיקער פאַמיליע זענען אויסגעשטאָרבן.

אַנדערע העברעישע דרוקערייען זענען געגרינדעט געוואָרן אין לעמבערג אין העלפט פון XIX יאָרהונדערט און נאָך אייניקע יאָר זענען זיי אונטערגעגאַנגען. די ביבליאָגראַפישע רשימות גיבן אָן די נעמען: ס. באַק און א. י. מענקעס, ד. ה. שרענצעל, קוגעל און לעווין, פ. פאָרעמבאַ (ביי וועלכן מיכל וואָלף האָט געדרוקט אַלע השכלה-ספרים), בערל לייב בן צבי נעכעלעס און פיעל אַנדערע.

אַן אָריגינעלער טיפּ פון אַ לעמבערגער דרוקער איז געוועזן אורי וואָלף סאַלאַט, וואָרשיינלעך אויך אַן אור-אייניקל פון אורי פייבוש פון אַמסטערדאַם, כאָטש פון אַ זייטיקער ליניע. אַ קליינער, טרוקענער, מיט זייער אַ פלינקן שכל, איז ער גלייכצייטיק געוועזן אַ דיין און אַלס אַזעלכער איז ער געזעסן אין בית-דין צוזאַמען מיטן רב נאַטאַנזאָן, אָרענשטיין און אַנדערע. אַ גרויסער למדן, אָבער אַ שרעקלעכער מתנגד, איז ער געוועזן אַ חשוב ביי די משכילים, אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי ביי די חסידים, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער שול פון ר׳ יעקב גלאַנצער, ווו עס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אַן אַנדער אור-אייניקל פון אורי פייבוש פון אַמסטערדאַם: דער דרוקער אברהם יוסף מדפיס.

סאַלאַטס זון, ר׳ משולם סאַלאַט, האָט נאָכן פאָטער איבערגענומען די שטעלע פון אַ דיין [1], אָבער מיט דער דרוקעריי האָט ער זיך נישט

1) נאָך דער מלחמה איז ער געוועזן עטלעכע יאָר שטאָט-מגיד (שטעטישער רב) אין לעמבערג.

פאַרנומען. נאָך פאַרשידענע גילגולים איז זי אַריבערגעגאַנגען אַלס אייגנטום צו יהושע וואָלף, דער לעמבערגער באַקאַנטער פּאַטריאָט פון „בעלזער הויף” און אַמאָליקער רעדאַקטאָר פונם „קול מחזיקי הדת”. אַ חסיד מיט לייב און לעבן, האָט וואָלף געדרוקט וואָל-אויפרופן, בשעת ווען ר׳ משולם סאַלאַט — דער זון פון ר׳ אורי וואָלף — האָט זיך פאַרנומען מיט תּורה, און נישט קוקנדיק אויף דער שנאה מצד די חסידים איז ער געוואָרן שטאָט-רב (מגיד-משרים) אין לעמבערג.

נישט לאַנג איז אָבער דער רב ר׳ משולם געזעסן אויף זיין כסא הרבנות, דען אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן, און מיט זיין טויט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די דורות-טראַדיציע פון אורי פייבוש. די ייִנגערע דורות זענען שוין אינגאַנצן אַוועק מיטן פאָרשריט פון דער צייט: די יונגע מדפיסים, אייניקלעך פון אברהם יוסף, גבאי אין יעקב גלאַנצערס קלויז, זענען שוין דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. סאַלאַט איז אַדוואָקאַט, און וואָס איז געוואָרן מיט די לעטעריסעס — איז אונז אומבאַקאַנט. אַזוי פיל ווייסן מיר, אַז מאיר הלוי לעטעריס איז געווען אַ דאָקטאָר און האָט ערלויבט אָנגעבן זיין נאָמען אויף די תּנ״כן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ענגליש-ביבלישער געזעלשאַפט. אַזוי האָבן זיך געענדיקט דריי הונדערט יאָר און צען דורות דרוקער אַרבעט פון דער דאָזיקער פאַמיליע.

# יחוס־בריוו

## פון דער פאַמיליע מדפיס־לעטעריס [1]

משה אורי הלוי אין אַמסטערדאַם (1620 — 1544)

אהרן בן אורי, חזן אין אַמסטערדאַם

אורי פייבוש, דרוקער אין אַמסטערדאַם (פון 1690 אין זשאָלקווי).

חיים דוד

**אהרן**

- חיים דוד מדפיס (1782)
  - אהרן מדפיס, זיין פרוי: חיה טויבא (1829)
    - אברהם יוסף מדפיס
      - יעקב מדפיס
        - ד"ר ישראל מדפיס
- יהודית [2]
  ערשטער מאַן: דוד בן מנחם מאַנן
  צווייטער מאַן: הרב ראָזאַנעס
  - הערץ גראָסמאַן (1804), זיין פרוי חוה (1837)

**גרשון**

- טאָכטער [2]
- וואָלף, זיין פרוי: טשאַרנע (1796)
  - גרשון לעטעריס, זיין פרוי: חוה [3]
    - ד"ר מאיר לעטעריס (1871 — 1804)

---

1) דער יחוס־בריוו אין זיינע גרונט־שטריכן איז אָנגעגעבן לויט וואַכשטיין (קאַטאַלאָג I זייט XVII). פאַרמערט און פאַרברייטערט לויט גרעץ: געשיכטע IX, זייט 488. ווי אויך לויטן אַרכיוו פון אינערן מיניסטעריום אין ווין, פאַסצ. IV באַנד 7, נומער 2127, און די זכרונות פון לעטעריס „זכרון בספר", ווין 1869.

2) לויט וואַכשטיין איז ראָזאַנעס געווען אַן איידעם פון גרשון, אָבער פון די אַקטן איז צו זען, אַז ער איז אהרנס איידעם. איך וואָלט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז באמת איז ר. געווען פריער גרשונס איידעם, און נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט יהודית, אהרנס טאָכטער און די אַלמנה פון דוד, מנחם מאַנס זון.

3) אַ טאָכטער פון מהר"ר אריה, אב"ד אין מילאַטין („זכרון בספר" זייט 18).

# די פרווו צו גרינדן די ערשטע העברעישע דרוקעריי אין וואַרשע

אין דער צווייטער העלפט פונם 18-טן יאָרהונדערט, ווען דער חסידיזם האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט, זענען אויף די מזרח-קאַנטן פון דער רעפובליק, אין אַלעקסיניעץ, פאָריצק, סלאַוווטע א. אַ. אַנטשטאַנען קלענערע דרוקערייען, וועלכע ווירקן אַ געוויסע צייט און גיבן-אַרויס פיל חסידישע און אַנדערע ספרים.

אין דער זעלבער צייט איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו צו גרינדן אַ דרוקעריי אין וואַרשע. נאָך פון די צייטן פון די מאַזאָוויעצקער פירשטן האָט וואַרשע געהאַט די פריווילעגיע „de non tolerandis Judaeis“, ד. ה., אַז יידן איז נישט ערלויבט געווען דאָרט צו וווינען. די וואַרשעווער שטאָטישע בירגער („מיעשטשאַנעס”) האָבן שטאַרק אָפּגעהיט זייער פריווילעגיע, און נאָר בשעת די סיימען — ווען עס זענען אָנגעפאָרן פיל פון דער שליאַכטע און פרעמדע סוחרים — איז אויך פאַר יידן געווען ערלויבט צו קומען און האַנדלען אין דער הויפּט-שטאָט. נאָכן ענדיקן פון אַ יעדן סיים האָט דער טרומייטער פון מאַרשאַלעק „אַרויסגערופן” די יידן פון שטאָט. אָבער די יידן האָבן שטענדיק געפונען אַן עצה, צו מאַכן אַ היתר-עסקה, און הינטער די ראָגאַטקעס פון שטאָט — ביי דער פראָטעקציע פון די אייגנטימער פון די פאָר-שטעטישע „יורידיקעס” — האָבן זיי געגרינדעט דאָס נייע ירושלים („נאָוואַ יערוזאַלימאַ”) און ניי-פּאָטאָק, און דאָ האָבן זיי געפירט דעם האַנדל אין דער צייט צווישן איין סיים און דעם אַנדערן. אָבער

די וואַרשעווער „מיעשטשאַנעס“ האָבן נישט געוואָלט פאַרטראָגן די געפערלעכע קאָנקורענץ און זיך באַמיט אַרויסצוטרייבן די יידן אויך פון די פאָרשטעטישע ישובים. זיי איז דאָס געלונגען אין יאָר 1776, און באמת האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון די פאָרשטעט און זייערע קראָמען גלייך-געמאַכט מיט דער ערד.

אין יענער צייט פון דער „יידישער צעשטערונג“ האָט זיך אָנגעהויבן די באַמיונג צו גרינדן אַ יידישע דרוקעריי אין וואַרשע. דער האַנדלס-קאָמיסאַנט פונם קעניגלעכן הויף און דער ליפעראַנט פון דער קייזערלעכער מינץ-פּאַלאַטע, ל י י ז ע ר א י ז אַ ק אָ ו ו י ט ש (בן יצחק) פון קראָטאָשין באַקומט פונם מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט אַ פּריווילעגיע צו עפענען אַ העברעישע דרוקעריי „אין זיין ירושה-אָרט ג אָ ל ע נ ד ז י נ אָ ו ו אין פּראַגע ביי וואַרשע“. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער קעניג האָט איינגעזען, „אַז די יידישע דרוקערייען זענען אַרונטערגעקומען“, און אַז באַדייטנדע סומען „גייען אַרויס יעדעס יאָר פון לאַנד קיין אויסלאַנד, צו ברענגען יידישע ביכער, סיי פאַר זייערע תפילות, סיי לוחות און אַנדערע, און היות ווי יידן אין קרוין-פּוילן און אין ליטע זענען נישט קיין קליינער טייל פון די איינוווינער, און צום געברויך פון ביכער, וואָס געהערן צו זייער געבעט אין די געבעט-הייזער, שולן און פּריוואַטע הייזער... זענען זיי געצוווּנגען אין אויסלאַנד צו קויפן“.

דער קעניג גיט-איבער די מאַכט און השגחה אויף דער דאָזיקער דרוקעריי דאָס רעכט צו ברענגען מענטשן, מאַשינען און מאַטעריאַלן דעם זעלבן לייזער איזאַקאָוויטש און זיין איידעם יאָנאַס (יונה) יאַקובאָוויטש, און דערמיט „ווערן אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס, וואָס זענען דורך אים אָדער זיינע פאָרגייער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלע אַנדערע יידישע דרוקערייען“. די צוויי דערמאָנטע „פּריווילעגירטע“ איז אויך ערלויבט צו ברענגען פון אויסלאַנד „תלמודישע ספרים“ אויף אַזאַ אופן: קודם-כל זאָל ער אין יעדער שטאָט און שטעטל פון קרוין-פּוילן אין ליטע פונאַנאַדערטיילן פריער צו איין באַנד פונם דערמאָנטן ש"ס אויף פּרענומעראַטע, ד. ה., אָפּנעמענדיק פאָרויס אַ העלפט פון דעם, וואָס אַלע עקזעמפּלאַרן פון תלמוד וועלן קאָסטן, און די צווייטע העלפט דאַן, ווען דער גאַנצער תלמוד, וועלכער באַשטייט פון 12 בענדער,

וועט צוגעשטעלט ווערן. צווייטנס: אַז אין גרעסערע שטעט זאָלן זיי אויספּאַרקויפן די גרעסערע ש״סן... און אין די קליינע שטעט – די קלענערע ש״סן און דערביי נאָר צו איין עקזעמפּלאַר... דריטנס: כּדי די שולן און די פּריוואַטע מענטשן, וועלכע וועלן געבן געלט אויף דעם דאָזיקן תּלמוד, זאָלן זיין זיכער, אַז פאַר זייער געלט וועלן זיי באַשטימט באַקומען דאָס גאַנצע ווערק פון תּלמוד, באַשטימען מיר-צו די אויבנדערמאָנטע יידן: לייזער און יונה אַלס גענעראַל-קאַסירער דעם בּירגער אַדאַם זימאַן, אַ סוחר פון דער אַלטשטאָט וואַרשע; ביי זיינע סובאַלטערנען (אָנגעשטעלטע) דאַרף זיך געפינען די קאַסע פון הכנסה און הוצאה, און אין זיין נאָמען וועלן די דאָזיקע סובאַלטערנען אַרויסגעבן אַ קוויט איטלעכער שטאָט אויף דעם איינגעצאָלטן אַבאָנאַמענט-געלט און וועלן איר ערוב זיין, אַז דער גאַנצער תּלמוד וועט באַשטימט צוגעשטעלט ווערן״...

האָבנדיק אין טאַש די קעניגלעכע פּריווילעגיע, האָט לייזער קראָטאָשינער אָנגעהויבן זוכן שותּפים. הגם ער איז געווען אַ קאָמיסאַנט אין ברעסלוי אין משך פון 25 יאָר, האָט ער נישט געמאַכט קיין פאַר-מעגן, און די אויסלענדישע בוכהענדלער אין אַמסטערדאַם, פראַנקפורט א. אַ. וו. האָבן געזוכט אַ זיכערערן קונה, ווי לייזער. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבן לאָזן אויסרופן און דרוקן באַקאַנטמאַכונגען אויף יאַרידן און מערק און האָט צו זיי צוגעגעבן „פונקטן אויף

1) צו דער כאַראַקטעריסטיק פון לייזערן און די מענטשן פון זיין צייט ברענג איך דאָ אַ בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט צום גראַף מאָשינסקי, ווי אויך צום רוסישן געזאַנדטן אין וואַרשע, סאַלדערן, – מיט אַלע גרייזן:

Hochwohl Geborener

Höchst Hoch Gebietender Herr!

Ihre Hochwohlgeborene Hoch Gebietende Exellenz werden zu Gnaden halten, dass ich als ein Sclave mir die Freiheit bediene Ihro Exellenz mit dises mein untertänigstes Pro memoria zu incommodieren. Flehe Ihro Exellenz um Gnade auf mich eine Resolution von Ihro Exellenz zu erhalten, damit ich wage Ihro

שותפות, ווער עס וואָלט ווען צוטרעטן צו אַ פריווילעגיע, אַרויסגעגעבן אויף אַ דרוקעריי״. ווייל אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דרוקן און פאַרשפרייטן רעליגיעזע ספרים, האָט ער זיך באַמיט און באַקומען פון דריי באַוווּסטע רבנים הגאונים הסכמות, וועלכע ער האָט אויך געהייסן אויסרופן אין די שולן, בשעת די יאַרידן אין יאַראָסלאוו, לובלין, קראָקע א. אַז. וו.

די דאָזיקע הסכמה פון די רבנים — אַ מין מאָראַל-ציייגניש פאַרן „פריווילעגירטן ייִד״ — איז געווען געשריבן אויף לשון-קודש און איז אין דערזעלבער שפראַך באַקאַנט געמאַכט געוואָרן צווישן יידן, אָבער צו די קאָנצעסיע-אַקטן איז בייגעלייגט געוואָרן אַ פוילישע איבערזעצונג, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט. דאָרט ווערט געזאָגט:

„צו אַלערערשט גיבן מיר אַ לויב, אַזוי דעם דורכלויכטיקסטן קעניג אויף דער ערד געזען, ווי דעם אַלערהעכסטן קעניג אין הימל, לויט אונזער אמונה! הערט, יידן, און קוקט זיך צו. היינטיקן טאָג

---

Exellenz meine Sache vorzutragen, mich was Ihro Exellenz schon vorgetragen haben, auf das demütigste einen [1]) -als den wenden, Ihro Exellenz die Proben von mir sehen, welche tausend Juden nicht zeigen werden und nicht können. Flehe Ihro Exellenz nochmals auf das demütigste an, mich einen Rat, dieweil es bloss auf Ihro Exellenz hohen Gnade beruht, ein Halt Ihro Exellenz befehlen und vor gut finden, mich an Ihro königlichen Majestäten zu wenden, will dero Befehl gehorsamen. Schmeichle mir der guten Hoffnung, dass Ihro Exellenz dero hohen Gnade, welche hohen und wert ist, nicht entziehen werden. Empfehle mich nochmals an Ihro Hochwohlgeboren Exellenz höchst hoch Gebietender Herr aller gnädigsten Schutz.

Warschau den 5 Maj 1779.

Leiser Isaak
von Kruteschin.

---

1) איין וואָרט פעלט.

האָבן אונזערע אויגן געזען וואונדער, וואָס גאָטס חסד האָט אונז באַווייזן צו אונזער גוטס, אַז זיין האַנט נויגט זיך צו אונז שטענדיק, ווי דער רבונו של עולם האָט מבטיח. הגם מיר וועלן זיין אין קנעכטשאַפט, וועט ער דאָך אַריינגעבן אין האַרץ פונם מלך, מיר זאָלן האָבן פון אים חסדים, ווי מיר זעען יעצט די גנעדיקע האַנט פונם דורכלויכטיקסטן קעניג פון גאַנץ קרוין-פוילן און ליטע, דעם פעסטן, באַרמהאַרציקן, זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן איבער אַלעמען און זאָל לייכטן ווי די זון לעולם ועד, אַזוי אַז זיין באַפעל זאָל זיין איבער אַלע גלויבנס, און די פיינט זאָלן פאַלן פאַר זיינע פיס, עס זאָל זיין פרידן פאַר זיין קעניגרייך, און זיינע קינדער זאָלן אויך האָבן די מלוכה מיט די געהיימע מיניסטאָרן, זיין ליבער נאָמען זאָל אים געבן רחמנות אויף אונז, יידן, און מיר אַלע, אונטער זיינע פליגלען, מיר זאָלן זיין אין פרידן, און אַלץ, וואָס גאָט וועט אַריינגעבן אין זיין האַרצן, זאָל ערפילט ווערן אָן שום ענדערונג! דאָ איז געגעבן געוואָרן אַ פריווילעגיע פונם דורכלויכטיקסטן קעניג אויפצושטעלן אַ יידישע דרוקעריי, כדי צו דרוקן לוחות, תלמוד און פאַרשידענע אַנדערע ספרים, וואָס קומען צו יעדעס יאָר אין אונזערע למודים, וועלכע זענען פריער געדרוקט געוועזן אין קראָקע, אין לובלין, נאָר צוליב די שווערע צייטן זענען חרוב געוואָרן די דרוקן, גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געוועזן און קיין צייכן פון זיי איז נישט פאַרבליבן, נאָר מען באַדאַרף זוכן אין פרעמדע לענדער און פאַר אונזער געלד דאָרט דרוקען. און יעצט האָבן מיר געזען, נישט בלויז געהערט, די פריווילעגיע פונם דורכלויטיקסטן קעניג, אונזער גנעדיקסטן האַר, אין די הענט פונם געטרייען אליעזר יצחק, וועלכער איז דורך 25 יאָר אויך מיט אַ פריווילעגיע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט דער קאָמיסאַנט אויף אַלע סחורות אין ברעסלוי, אויף וואָס ער האָט דאָקומענטן פון אַלע פוילישע סוחרים, גאָט זאָל אים העלפן אויך צו דער דאָזיקער טעטיקייט; די דרוקעריי, וואָס זאָל געשטעלט ווערן אין גאָלענדזינאָוו, באַשטימט אויף די יעניקע פונקטן, וועלכע מען קאָן מיט דאָקומענטן און ערלעך אויסווייזן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פריווילעגיע. דערפאַר באַדאַרפן מיר אָפּגעבן אַ שבח צו גאָט, וואָס ער האָט גענויגט דאָס האַרץ פון דורכלויכטיקסטן מלך אונזער גנעדיקן האַר, מחדש צו זיין אונזערע ספרים אומקערן, און באַנייען וואָס ער האָט באַוויליקט דורך זיין גנעדיקן באַפעל און

מיר, די אונטערגעשריבענע, באַשטעטיקן מיר לויט אונזער דת און מיט אַ שבועה, אַז קיינער זאָל זיך נישט אונטערשטעלן צו דרוקן ספרים אויף זייער נאָמען, אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן אין דעם, וואָס ער וויל דרוקן... זייער דרוקעריי וועט אויסווירקן, אַז עס זאָלן נישט קומען קיין פרעמדע מענטשן פון אויסלאַנד, צו טון זיי אַן אומרעכט... נעמענדיק דאָס אין אַכט, ווי עס האָבן גענומען אויך אונזערע אבות-אבותינו די רבנים, אַרויפלייגנדיק אַ קללה אויף די, וואָס שטערן איינע די אַנדערע, לייגן מיר אויך אַרויף אַ חרם אויף אַזעלכע מענטשן, וואָס שטערן אויפצושטעלן אַ דרוקעריי פון יידישע ספרים אויף 10 יאָר. דערויף גיבן מיר אַ לויב און אַ שבועה און אַ ברכה, אַז די מלוכה זאָל וואַקסן און לייכטן, ווי די העלסטע שטערן אין הימל, און אַן עצה דעם, וואָס ער וועט אויסטראַכטן, אַז גאָט דער האַר זאָל העלפן אַלץ צום גוטן דעם דורכלויכטיקסטן קעניג, אַז זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן, ווי דער אויפגאַנג פון דער זון.

15 יולי 1776.

העשיל, רב אין ריטשעוואָל.
יפת (יאַפעט), רב אין נאָווע-מיאַסטאָ.
לוי (לעוועק), רב פון זשאַרקי״.

נישט פיל האָבן געהאָלפן די הסכמות פון די רבנים און די פאַרעפנטלעכונג פון די „פונקטן״ [1]) און פון דער פריווילעגיע אויף די

---

1) „די פונקטן פון שותפות אויף אַ דרוקעריי, וועגן עס וואָלט וועלן צושטיין צו דער פריווילעגיע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דער דאָזיקער דרוקעריי ר׳ לייזערן פון קראָטאָשין:

I) פאַרשידענע יידישע ספרים וועלן געבראַכט ווערן קיין וואַרשע פון אויסלאַנד. דהיינו פון אַמסטערדאַם, אָדער פון שלעזיען אָדער פון פראַנקפורט, אָבער אויף זיי וועלן נישט נויטיק זיין קיין מזומנים, נאָר געבן דעם סוחר ערבים אויף אַ טערמין, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדערפנישן פונם קויף אָדער פאַרקויף פון די דאָזיקע ספרים.

II) כדי דעם, וואָס וועט וועלן צוטרעטן אַלס שותף צו דער פריווילעגיע, צו פאַרזיכערן, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין שום היזק ביי די דאָזיקע ספרים, ווערט פאַראָרדנט, אַז די סוחרים, ביי וועמען מען וועט קויפן די דאָזיקע ספרים, קאָנען נישט זיין קיין ערבים, דען אין זייער קאַסע וועט דער גאַנצער פאַרדינסט אַריינגעלייגט ווערן אויף צו גרינדן די דרוקעריי — אַ חוץ דעם אָפּצאָל פאַרן דורכלויכטיקסטן מלוכה-אוצר.

ירידים און אין די שולן. קיין שותף האט זיך נישט געפונען. ווי עס שיינט האט די צעשטערונג פון „נאָוואַ יערוזאַלימאַ" און „נאָווי פּאָטאָק" אָפּגעשראָקן די קאַפּיטאַליסטן, אַריינצולייגן געלט אין אַזאַ נישט-זיכערער אונטערנעמונג. דער „פּריווילעגירטער" נאמן לייזער קראָטאָשינער האָט זיך געוואָרפן און געזוכט פאַרשידענע מיטלען און איינפאַלן, אָבער אומזיסט. גאַנצע דריי יאָר נאָכן באַקומען די פּריווילעגיע איז ער נאָך אַלץ נישט צוגעטראָטן צום עסק, נאָר געזוכט אַ שותף און צוגלייך די פּראָטעקציע פון פאַרשידענע שררות, כדי צו באַקומען אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף. די געפּלאַנטע דרוקעריי איז נישט געגרינדעט געוואָרן און די קעניגלעכע פּריווילעגיע איז געבליבן אַ טויטער בוכשטאַב, אַן אַקט פאַרן אַרכיוו, אַ צייגניש פון אַ גוטן רצון, ווי עס זענען געווען פיל אין יענער צייט אין פּוילן נאָך דער ערשטער צעטיילונג [1].

ערשט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן, און נאָכדעם ווי וואַרשע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די פּרייסן, הייבט-אָן דאָרט דרוקן העברעישע ספרים פּיאָטר זאַוואַדזקי, און נאָך זיין גיכן טויט — זיין אלמנה מאַדאַם זאַוואַדזקאַ (1800). צוערשט אין נאָווי-דוואָר און שפּעטער אין וואַרשע.

III) בנוגע דעם פאַרקויף פון די ספרים וועלן מיר שטענדיק האָבן צוויי שרייבער, פון ביידע צדדים צוליב בעסערן צוטרויען, און מיט די, וואָס פאָרן אַרום מיט ספרים איבער די ירידים, וועט אויך זיין דאָס זעלבע.

IV) כדי צו זאַמלען געלט אויף די ש"סן אין שטעט און שטעטלעך, באַדאַרף אויך דער שותף שיקן זיין נאמן און די פּרענומעראַנטן פאַרזיכערן מיט זיינע קבלות, וואָס ער וועט זיי אַרויסגעבן אויף צו פאַרענדיקן די דאָזיקע ש"סן.

V) אויף די הוצאות ביים דאָזיקן עסק באַדאַרף דער שותף זיי געבן, וואָס עס וועט נאָר זיין נויטיק, און אַפילו יעדן חודש מאַכן אַ חשבון. אַזוי לאַנג דאָס שותפות צווישן אונז זאָל געדויערן, וועלן מיר וועגן דעם זיך אָפּרעדן.

VI) ווען גאָט וועט געבן, עס וועט קומען די צייט אויסצושטעלן די דרוקעריי, קאָן די שותפות בטל ווערן, סיידן דער שותף וועט אויפסניי מיט מיר אָפּרעדן, וויפל ער באַדאַרף געבן אויף ברענגען מייסטערס און געהילפן צו דער דרוקעריי.

ווער עס וויל איינגיין אויף די פּונקטן, וואָס זענען אויבן אויסגערעכנט, און ווער עס וויל זיך פאַרנעמען מיט דעם עסק, זאָל זיך זען מיט מיר און רעדן וויל איך האָב דערויף אַ פּאַרטיקע פּריווילעגיע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט און פון דער ווירדיקסטער קאָמיסיע".

1) די זאַמלונגען פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אין קראָקע, האַנטשריפט Educatio nationale, באַנד 134 זייט 144, דעפּאָזיט פון מאַדאַם פּאַפּיעל.



דאס נוי טעסטימענט׳ דאס דא ווערט
גינענט עבנגעליאון׳ דאס איטש אויף
דייטש איין פראליכי באטשאפט׳ גלייך
ווי מאן עבנגעלייען בְּשׂוֹרָה טוֹבָה

Gedrukt zu krokau durch
Paul helic im Iar
M. D. XXXX

32. דאָס שערבלאַט פון דעם יידישן תּרית חדשה פון דעם משומד פּוילוס העליץ, קראָקע, 1540. דאָס איינציקע פולע עקזעמפּלאַר אין דער יאַגעלאָנישער ביבליאָטעק אין קראָקע.

אן די עברייער

ערמאנרן זיינר ווערק די ער טוט · אונ׳ פולברנגט היט בון ווארטן אויבר אונז · אונ׳ זאָלסט אים
אן דעם ניט ביגיינן · ער זעלבר ניהט די ברידר ניט אן · אונ׳ ווירט דען די עש טון וואָלן אונ׳
שטאָסט די אוים דער גיזיין ׃ מיין ליבר · וואָלט ניט נוך דעם באַן נאָדר דעם גוטן · וואר
וואָל טוט דער איז בון גוט · ווער אובל טוט דער זיכט גוט ניט · דעמעטריעוס האט צייגניס בון
איטלכן · אונ׳ בון דער ווארהייט אונ׳ ווער צייגן אויך אונ׳ איר ווייסט דז אונזר צייגניס וואר איז
איך העט ויל צו שרייבן · אבר איך וואלט ניט מיט טינטן אונ׳ פעדרן צו דיר שרייבן · איך האָף
אבר דיך באַלד צו זעהן · דז וואָלן וויר מינטליך מיט אנידר רידן · פריד זיי מיט דיר · עס גריסן
דיך די פריינד · גריסט די פריינד מיט נאָמן ׃

# די עֶפִּיסְטֶל אַן דִי עֶבְרֶעִיר ׃

דש ערשט קפיטל

בוך דעם ויר צייטן גוט מאנך מאָל אונ׳ מאנכר ליי וויז גירעט האט צו דען ועטרן דורך
די פראָפעטן · האט ער אם לעצטן אין דיזן טאגן צו אונס גירעט · דורך דען זון
וועלכן ער גיזעצט האט צום ערבן איבר אלי דינג · דורך וועלכן ער אויך די וועלט
גימאכט האט · וועלכר · זינטמאל ער איז דער גלאַנץ זיינר הערליכקייט · אונ׳ דש עבן ביל"ד זיינס
וועזנס · אונ׳ טרעגט אלי דינג מיט דעם ווארט זיינר קראַפט · אונ׳ האט גימאכט די רייניגונג אונזר
זינד דורך זיך זעלבס · האט ער זיך גיזעצט צו דער רעכטן דער מאיעסטעט אין דער העהי · זו ויל
בעסר ווארדן דען די ענגל · זו גר ויל מערנן אנדרן נאמן ער בור אין ערערבט האט ׃ דען
תילים ב צו וועלכם ענגל האט ער אי האלז גיזאגט · דו ביסט מיין זון · היט הב איך דיך גיבוירן · אונ׳ אבר
תילים פח · פט מאלס · איך ווערד אים איין ואטר זיין · אונ׳ ער ווערט מיר איין זון זיין · דא ער אבר מאל איין
תילים מה בוירט דען ערשט גיבוירנן אין די וועלט · שפריכט ער · אונ׳ עש זאלן אין אלי גוטס ענגלן אן
בעטן · בון דען ענגלן שפריכט ער צוואר · ער מאכט זייני ענגלן גייסטר · אונ׳ זייני דינר בויער
תיל׳ קג קד ולאַמן · אבר בון דעם זון גוט · דיין שטול איז ביין איביקייט צו איביקייט · דש צעפטיר דיינס
תהלים קד · מה רייכס איז איין ריכטיגס צעפטר · דו האסט גיליבט די גירעכטיקייט אונ׳ גיהאסט די אונגירעכטי
קייט · דערום האט דיך גיזאלבט גוט דיין הער מיט דעם אול דער ורייידן אובר דייני גינוסן ׃
אונ׳ דו הער האסט בון אן ביגן די ערד גיגרינדט · אונ׳ די הימל זיין דיינר
הענד ווערק · דיזעלבן ווערדן ור גין · דו אבר ווערסט בלייבן · אונ׳ זי ווערדן אלי ור אלטן
תילים קב · קג ווי איין קלייד · אונ׳ ווי איין גיוואנט ווירסטו זי ווכדלן · אונ׳ זי ווערדן זיך ור ווכדלן ·
תילים קי · קיב · דו אבר ביסט דער זעלבי · אונ׳ דייני יאר ווערדן ניט אב
נעמן · צו וועלכם ענגל אבר האט ער אי האלס גיזאגט · זעץ דיך צו מיינר רעכטן · ביז איך לייג תילים קי
דייני ויינט צום שעמל דיינר ביס · זיין זי ניט אל צו מאל דינסברי גייסטר אויז גיזאנט צום דינסט
אוים דער ווילן · די ערערבן זאלן די זעליקייט ׃
דש אנדר קפיטל

דרום זאלן וויר דעסטר מער וואר נעמן דעם דש מיר הערן · דז וויר ניט עטוואן ור ליסן
דען זו דש ווארט וועסט ווארן איז · דש דורך די ענגלן גירעט איז · אונ׳ איין איטליכי
איבר טרעטונג אונ׳ אין גיהארשם האט עמפאנגן זיין גירעכטי בילוינונג · ווי וואָלן וויר עטפליהן
זו וויר איין זולכי זעליקייט אוים דער אכט לאסן · וועלכי נאך דעם זי אן גיפאנגן האט אונ׳ גירעט
ווארדן איז דורך דען הערן · איז זי אויף אונז ביבעסטיגט דורך די זו עז גיהערט הבן · דורך דז מיט

# צו דער צענזור אין פוילן און גאַליציע

## א) עסטרייכישע צענזורן

אין פוילן איז נישט געווען קיין צענזור מטעם הממשלה, נאָר יידן האָבן אַליין געזען, מ׳זאָל נישט דרוקן אין ש״ס די דאָזיקע ווערטער, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט זיי אויסגעשטראָכן, די גלחים אָבער זענען נישט תמיד געווען מיט דעם צופרידן און האָבן זיך משתדל געווען ביים קעניג, ער זאָל אינגאַנצן פאַרביטן דעם תלמוד און אַנדערע ספרים צו דרוקן. אַזוי איז עס געווען אין די יאָרן 1568—9, ווען דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט ערלויבט ר׳ יצחקן בן אהרן צו דרוקן ש״ס און האָט תיכף-ומיד זיין פריווילעגיע צוריק-געצויגן. דער איסור איז נישט געווען חל אויף גאַנץ פוילן, הגם אין לובלין דווקא אין יענע יאָרן הייבט מען אָן דעם ש״ס צו דרוקן. אין קראָקע אַליין דרוקט ר׳ נחום מייזליש מיט די זין אָפּ גאַנץ בבלי און עטלעכע חלקים פון ירושלמי.

אין דעם XVII און XVIII יאָרהונדערט איז נישטאָ אין פוילן קיין שום מלוכישע אָדער גלחישע צענזור, כאָטש דאָס זענען געווען צייטן פון אומטאָלעראַנץ און רעאַקציע, אָבער דאָס איז נישט קיין סימן פון ליבע אָדער שנאה קעגן יידן, הגם אין פוילן האָט געקאָנט אין דעם יאָר 1757 פּאַסירן אַ זאַך, וואָס האָט געפּאַסט נישט פאַר דעם XVIII יאָרהונדערט. איך מיין דאָ דעם פּסק פון דעם גייסטלעכן געריכט אין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסקי (נאָך דעם וויכוח מיט די פראַנקיסטן) אַלע ספרי-ש״ס צו פאַרברענען. און באמת האָבן גלחים און סטודענטן דורכגעזוכט אַלע בתי-מדרשים און פריוואַט-ביבליאָטעקן און פון דאָרט

אַוועקגעשלעפּט קיין קאַמעניעץ אַלע לשון-קודשדיקע ספרים, האַלטנדיק זיי פאַר ספרי-תּלמוד און זיי איבערגעגעבן דעם תּלין צום פאַרברענען.

וויפל ספרים זענען דעמאָלט פאַרניכט געוואָרן, לאָזט זיך נישט משער זיין. מיר ווערן געוווּיר פון פאַרשידענע מקורות, אַז אַ סך יידן האָבן אַוועקגעשיקט זייערע ספרים אין דער וואָלאַכיי, כּדי זיי צו ראַטעווען פאַר דער שׂרפה [1].

אין דעם יאָר 1775 האָט די מלוכה איינגעפירט אַ שטעמפּל-טאַקסע אויף העברעישע ספרים און צו דעם צוועק האָט די מאַכט אויפגענומען אַ רשימה פון אַלע ספרים, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּריוואַט-הייזער און אין בּתּי-מדרשים. אין די פּוילישע אַרכיוון זענען געבליבן רשימות פון אַלע שטעט און פּראָווינצן און פון זיי ווערן מיר געוווּיר, וויפל ספרים אַיעדער איינצלנער בעל-הבית האָט געהאַט, וויפל ספרים זענען געווען ביים רב און וויפל אין בית-המדרש, אַזוי האָט מען, למשל, אין לוצק אָפּגעשטעמפּלט ביי 230 יידן 2059 ספרים און ביי 23 קאַראַימעס (קראים) 121 ספרים, אין גאַנצן לוצקער קרייז 40,339 ספרים. אין לובלין האָט מען אָפּגעשטעמפּלט 7172 ספרים, אין פּלאָצק (ביי 140 יידן) 582, אין פּויזן (ביי 593 יידן) 12,908, אין קאָליש (ביי 250 יידן) 3660 ספרים [2].

נאָך דער טיילונג פון פּוילן האָבן די נייע מלוכות איינגעפירט ביי זיך צענזורן. אין גאַליציען (עסטרייך) איז מען ערשט דערצו געקומען 10 יאָר נאָך דער אָקופּאַציע, ד״ה, אין דעם יאָר 1782, ווען מ׳האָט זיך גענומען צו די דרוקערייען. ביז דאַן זענען די ספרים דערשינען אָן צענזור נאָר מיט דער הסכּמה פון דעם גאַליצישן אָבער-לאַנדעס-ראַבינער (רב-מדינה) ר׳ אַריה-ליב בערנשטיין מיט זיינע פינף אַסעסאָרן (דייני-המדינה), די דאָזיקע הסכּמה איז נישט צו גלייכן מיט די טראַדיציאָנעלע הסכּמות פון דער אַלטער צייט, ווייל זיי

1) די גאַנצע מעשׂה אין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסקי מיט פראַנקן און וועגן דעם פאַרברענען די ספרים זע דעם: ספר שמוש פון ר׳ יעקב עמדין און די אַרבעט פון קרויסהאַר: Frank i Frankiści Polscy, באַנד I.

2) פינאַנץ-אַרכיוו אין וואַרשע, לוסטראַציע פון די יידישע ספרים, באַנד 23 (1776).

האָבן געהאַט אַן אַמטלעכן כאַראַקטער. אַזוי ערלויבט דער „אָבער-לאַנדעס ראַבינער" צו דרוקן צום ערשטן מאָל דעם סידור אר"י, וואָס איז ביז דאַן נאָר אַלס כתב-יד באַקאַנט געווען אין פוילן, (דפוס זאָלקוויאַ 1781) [1].

אין דעם יאָר 1782 האָט די מאַכט געהייסן אַריבערטראָגן קיין לעמבערג אַלע יידישע דרוקערייען פון גאַנץ גאַליציע און דאָ איינגעפירט אַ צענזור און זי איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר פאַר דער העברעישער שפּראַך אויף דער נייער אוניווערזיטעט און זיין געהילף, וואָס מ'האָט געזאָלט אויפנעמען. די אוניווערזיטעט האָט מען אָבער געעפנט ערשט אין דעם יאָר 1784 און דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען קיין לעמבערג דער פּראָפעסאָר פּעסלער פאַר קירכן-געשיכטע און העברעישע גראַמאַטיק און תיכף איבערגענומען די צענזור [2]. ווער איז פון אָנהייב געווען זיין געהילף, איז נישט מעגלעך צו זאָגן, דאָס ווייסן מיר אָבער בפירוש, אַז אין דעם יאָר 1787 איז אַראָפּגעקומען קיין לעמבערג אַלס שול-אויפזעער הערץ האָמבערג, אַ נאָענטער מיט-אַרבעטער משה מענדעלזאָנס, און באַלד האָט מען אים איבערגעגעבן „אויסהילפסווייזע" די צענזור.

האָמבערגס פירונג אין גאַליציע, זיין אַרבעט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אינספּעקטאָר פון די „דייטש-יידישע" שולן איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך [3]. דאָ וויל איך נאָר באַטראַכטן דאָס פאַרהעלטעניש פון דעם משכיל און תלמיד מענדעלזאָנס צו דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, און קיין אַנדערע איז אין יענער תקופה נישט געווען.

ווען יהודה מייערהאָפער האָט געבעטן אַ פּאַטענט אויף צו עפענען אַ יידישע דרוקעריי (יאָר 1791) און האָמבערג האָט באַקומען דעם אַקט צו ערליידיקן, האָט ער בדרך-אגב געשטעלט די נאַיווע

1) דער סידור געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער יידישער געמיינדע אין בערלין נ"ר. 12,957 נדפס בק"ק זאָלקווא תחת ממשלת אדונינו המיוחס הגדול החסיד הדוכס וואָיעוואָדא מווילנא דמדינת ליטא קארל סטאַניסלאַוו ראַדזיוויל יר"ה (1781).

2) וואָלף גערסאָן: קליינע שריפטן, ווין 1892 זייט 14. פּעסלער איז געווען פריער אַ קאַפּוצינער-גלח.

3) וועגן האָמבערג זע מיין אַרבעט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce, וואַרשע 1920, זייט 190 — 228.

קשיה: וואָס טוט מען, אַז מ׳באַקומט צו דער צענזור אַ ספר, וואָס אין אים איז נישטאָ קיין ווערטער, וואָס באַליידיקן דאָס קריסטנטום אָדער די מאַכט, „אָבער ס׳זענען פאַראַנען „תורות״, וואָס פאַרלייטן דעם לעזער צו אומטאָלעראַנץ און פאַראַכטונג פון די פעלקער צווישן וועלכע די יידן לעבן און פון וועלכע זיי געניסן טובות?״ די גאַליצישע הויפקאַנצליי האָט אויף דעם אופן די זאַך אַנטשידן: „האָמבערג האָט נישט צו פאַררעכטן די ספרים און נישט פאַרביטן, ער האָט נאָר צו שרייבן: „איך האָב געלייענט און געפין גאָרנישט שלעכטס אין דעם ספר״. געפינט ער, אַז עפּעס איז נישט כּשר, האָט ער דעם פּסוק צו איבערזעצן אויף דייטש און מאַכן דערביי זיין באַמערקונג. אויך דאָס גובערניום האָט נישט אין די זאַכן דאָס לעצטע וואָרט, נאָר ס׳האָט דאָס בוך מיט אַלע מיינונגען אָפּצושיקן קיין ווין צו דער „שטודיענהאָפקאָמיסיאָן״, די שטודיענהויפקאָמיסיע איז געווען בדעה, אַז אין סידורים און בכלל אין רעליגיאָנס-ביכלעך זאָל מען נישט מאַכן קיין שינויים און נישט אויסשטרייכן קיין ווערטער אָדער פּסוקים, נאָר אַזוי ווי ס׳זענען געדרוקט געבן די צענזור-ערלויבניש, געפינט אָבער האָמבערג פאָרט אַ פּסוק אָדער אַ פּרק, וואָס פּאַסט נישט מטעם הממשלה, זאָל דאָס גובערניום איינלאַדן דעם רב און אים די זאַך פאָרלייגן און אַזוי ווי דער רב וועט פּסקענען, אַזוי מוז בלייבן [1].

האָמבערג האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן און האָט אין דעם יאָר 1794 איבערגערייכט דאָס דאָזיקע מעמאָראַנדום: „פאַר יידן זאָל מען אָרגאַניזירן אַן אייגענע צענזור און די צענזור זאָל פון די יידישע ספרים אויסשטרייכן אַלע פּסוקים, וואָס פּריידיקן שנאה קעגן אַנדערע רעליגיעס. בכלל זאָל איין אויטאָ-דאַ-פע איבער אַלע יידישע ספרים געמאַכט ווערן (מ׳זאָל זיי פאַרברענען) [2].

אין דעם יאָר 1811, ווען ער האָט שוין געוווינט אין פּראָג, האָט ער געגעבן דעם פּלאַן פאַר דער יידישער צענזור און געראָטן פאָלגנדע ספרים נישט לאָזן דרוקן:

---

1) ארכיוו פון דעם מיניסטעריום דעס אינערן אין ווין, האָפקאַנצעלאַריע IV ד ״ר 26, 27.

2) באַלאַבאַן: הערץ האָמבערג ווי אויבן זייט 227, הערה 3.

1) אַלע קליינע און גרויסע תפילות אַחוץ דעם „הנותן תשועה למלכים".
2) קבלה־ספרים.
3) דרושים, וואָס זענען פול מיט פילפול און זענען אָן מוסר.
4) מאָראַלישע ספרים, איידער מ'האָט זיי גוט דורכגעזען.
5) נייע תשובות „הגם ס'איז שוין אַזוי דאָ געווען".
6) הגהות און פילפול.
7) תולדות (ביאָגראַפיעס) פון רבנים, וואָס האָבן אַחוץ תלמוד־ספרים גאָרנישט אויפגעטון (ספורי מעשיות פון גוטע־יידן).
8) מעשיות פון משוגענע [1].

בשעת האָמבערג איז נאָך געווען אין גאַליציען, האָט מען אים אַ סך מאָל אַרויסגערופן קיין ווין און דעמאָלט האָט אים פאַרטרעטן אין דער צענזור דער דירעקטאָר פון דעם יידישן לערער־סימינאַר און אין לעמבערג אהרן פרידענטאַל (הייסט אויך יעראָסלאַוו), אויך אַ געוועזענער הויז־לערער ביי ר' משה מענדעלזאָהן און דער מחבר פון דעם ביאור צום ספר במדבר.

אין דעם יאָר 1806 האָט מען אַריבערגעטראָגן די צענזור קיין ווין און צענזאָר איז געווען דער באַוווסטער יידישער פעדאַגאָג און ליטעראַט פעטער בער.

## ב) די מלחמה מיט דער צענזור

די מלחמה מיט דער צענזור האָט אין די אַלטע דורות געשפילט אַ גרויסע ראָלע ביי אַלע אומות און בפרט ביי אונז יידן. שוין צונץ דערציילט אינטערעסאַנטע שטיקלעך פון די צענזאָרן, און איך וויל דאָ אויך געבן עטלעכע ביישפילן פון דעם קאַמף, וואָס מחברים און אַרויסגעבערס האָבן געמוזט פירן מיט דעם צענזאָר, איידער אַ ספר האָט דערלעבט אַרויסצוקומען אויף דער ליכטיקער וועלט.

איך וויל דאָ דערציילן עטלעכע איינצלהייטן פון דעם קאַמף מיט דער צענזור.

אין דער צייט ווען די חסידים האָבן זיך אָנגעהויבן צו

1) וואָלף: געשיכטע דער יודען אין ווין, זייט 123.

פאַרשפרייטן אין פוילן זענען די מתנגדים זיי אַנטקעגנגעטרעטן און האָבן זיך משתדל געווען ביי די צענזאָרן, כדי די חסידישע ספרים נישט דורכצולאָזן. די צענזאָרן זענען מייניסטנס געווען מתנגדים אָדער משכילים און האָבן אַליין אויך געוואָלט דעם חסידיזם באַקעמפן, אָבער די חסידים און זייערע רביים האָבן פאַרשטאַנען מיט געלט און פראָטעקציע ביי די פריצים און באַאַמטע גובר צו זיין דעם צענזאָר און זיינע מתנגדישע העלפערס.

איינער פון די מתנגדים אין אָנהייב פון דעם XIX יאָרהונדערט איז געווען ר׳ ישראל ליבל, אַ מגיד אין נאָוואַראָדאָק (נאָוואָגרודעק) און מחבר פון די ספרים: „קברות התאוה“,[1] וכוח תלמוד אמתי עם זמרי המכונה חסידי ומכתבים בשם הגר״א מווילנא נגד רביהם[2] א. אַז. וו. די דאָזיקע כתבים, וואָס זענען געווען געדרוקט אין וואַרשע בשעת דער פרייסישער אָקופּאַציע (1797 – 1798), האָט ר׳ ישראל ליבל געוואָלט אַריבערפירן קיין גאַליציע, כדי זיי דאָרט צו פאַרקויפן. ער האָט מיטגענומען צו 450 עקזעמפּלאַרן פון איעדן ספרל און געלאָזט זיי אין קראָקע צענזורירן, און מיט די ספרים און מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם צענזאָר אַריינגעפאָרן קיין ריישע, רישא (רזשעשוב). דאָ האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה קעגן די חסידים, אָבער אַ חברה ווילדע-יונגען איז אים איבערגעפאַלן אין בית-המדרש, געשלאָגן מכות רצח און איבערגעגעבן דעם קרייז-אַמט. דער קרייז-הויפּטמאַן האָט געמאַכט מיט אים אַ שטרענגן פאַרהער, כדי געוווּיר צו ווערן, צי ר׳ ישראל איז באמת אַ שפּיאָן, ווי די חסידים האָבן געמסרט, ער לאָזט אים אָבער באַלד אַרויס און ר׳ ישראל ליבל פאָרט אָפּ קיין לעמבערג. די חסידים האָבן אָבער באַוויזן אין לעמבערג דעם מתנגדישן מגיד צו מסרן ביי דער פּאָליציי און קוים איז ר׳ ישראל ליבל צוגעפאָרן צום יאַנאָווער שראַנקען, האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דעם וואָגן צוזאַמען מיט זיינע קאַסטנס מיט ספרים און אים איינגעזעצט אין תפיסה. קוים האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה, האָט ער זיך געמעלדעט אויף אַן אוידיענץביים גובערנאַטאָר, פאַר אים אויסגעוויינט זיין

1) דפוס ווארשא תקנ״ז.

2) דפוס ווארשא תקנ״ח.

האַרץ און געבעטן מ׳זאָל אים אָפּגעבן די ספרים און דעם צענזור־שיין, וואָס די פּאָליציי האָט בײַ אים קאָנפיסקירט. דער גובערנאַטאָר האָט אים פיין אויפגענומען און פאַרשפּראָכן די ספרים אָפּצוגעבן, אָדער וויניקסטנס צו שיקן קיין קראָקע, מ׳זאָל זיי דאָרט נאָך איינמאָל צענזורירן.

ר׳ ישראל איז אַוועק קיין בראָד (בראָדי), ווו די מתנגדים האָבן אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, און פון דאָרט איז ער צוריקגעפאָרן נאָך קראָקע. דאָרט האָט מען אים געוויזן אַ דעקרעט פון דער „גאַליצישער האָפקאַנצלײַ" אין ווין פון דעם 14 נאָוועמבער 1798 „אין וועלכן ס׳ווערט באַפוילן זיינע ספרים צו פאַרשליסן (אינהיבירען), ווי די פרומע יידן האָבן דעם קייסער יר"ה געבעטן". שטאַרק אויפגערעגט איז דער נאָוואַראָדאָקער מגיד אַוועק קיין ווין און געמעלדעט זיך גלייך ביים קייזער צו אַן אוידיענץ. דער קייזער פראַנץ האָט אים פיין אויפגענומען, געלעזן בשעת דעם עמפּאַנג זיין ביטע און די הסכמות פון זיינע ספרים אַרויסגעגעבן פון דעם מערישן און דעם אונגאַרישן רב־המדינה און צוגעזאָגט זיין בקשה גוט צו ערליידיקן. און באמת — אַזוי שרייבט ר׳ ישראל — האָט דער קייסער יר"ה אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרטרייבן די רביים מיט זייערע גבאים. אַ סך פון זיי האָבן געמוזט אַוועק פון מערב־ און מזרח־גאַליציע און האָבן זיך באַזעצט אין דער פרייסישער אָקופּאַציע, ד. ה., אין גראָדזיסק (גרעץ), ביעלסק, סטריקאָוו וכו׳ [1].

אַן אינטערעסאַנטע זאַך דערציילט דער באַוווסטער גאַליצישער משכיל ר׳ יוסף פּערל בנוגע זיין סאַטיריש ספר מגלה טמירין, וואָס איז געשריבן אין אַ חסידישן לשון־קודש מיט אַזעלכע מליצות, אַז מ׳זאָל מיינען, אַז ס׳איז אַ חסידיש ספר. וועגן די סיכסוכים, וואָס פּערל האָט געהאַט וועגן דעם ספר מיט דעם ווינער צענזאָר, שרייבט ער אין אַ בריוו צו זיין פריינט ריב"ל (לעווינזאָן), דעם באַוווסטן

1) וועגן ר׳ ישראל ליבל (לעבל) זע גרעץ: געשיכטע, באַנד XI זייט 550, און צייטלין: קרית ספר (ביבל. העבר. פּאָסטמענדעלזאָניאַנאַ) זייט 214. ישראל ליבל האָט אַליין אָנגעשריבן אַ דייטשע בראָשור קעגן חסידים: Glaubwürdige Nachricht von einer neuen und zahlreichen Sekte... Frankfurt a/M, 1799.

רוסישן משכיל: [1] „קודם-כל וויל איך אייך באַשרייבן דעם גורל פון מיין ספר מגלה טמירין. דאָס בוך האָב איך איבערגעשיקט צו דעם צענזאָר (פעטער בעער) מיט דעם טיטל: מגלה סוד. ס׳איז ביי אים לאַנג געלעגן און צום סוף האָט ער עס אָפגעשיקט און נישט ערלויבט צו דרוקן. ווען איך בין געווען פאַר צוויי יאָר אין ווין, האָב איך אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, דעמאָלט האָט ער מיר מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט נישט אַזאַ מין לשון-קודש, און אַז איך וויל, ער זאָל עס צענזורירן, זאָל איך אים געבן אַ מענטש, ער זאָל אים פאַר־טייטשן די „אומפאַרשטענדלעכע״ ווערטער. איך האָב געמוזט נאָך איינמאָל איינרייכן דעם כתב-יד מיט אַן אַנדערן טיטל (מגלה טמירין) [2] און שיקן אַ מענטש, ער זאָל פאַרטייטשן די ווערטער און ערשט דעמאָלט האָב איך באַקומען די דערלויבעניש צו דרוקן דאָס ספר״.

## די צענזור אין קאָנגרעס-פוילן [3]

שוין בשעת דעם ערשטן פוילישן סיים (1818) איז באַרירט געוואָרן די אָנגעלעגנהייט פון דער צענזור. אין פוילן זענען אין יענער צייט געווען 24 פוילישע דרוקערייען, 10 בוכהאַנדלונגען, 2 ליטאָגראַפיעס און 4 יידישע דרוקערייען. לויט קאָנסטיטוציע זענען פוילישע ביכער געדרוקט געוואָרן אָן צענזור, אָבער בנוגע די יידישע ספרים איז מען געווען זייער שטרענג, ווייל זיי האָבן – לויט דער מיינונג פון דעם מלוכה-ראַט – אַנטהאַלטן „פסוקים און פרקים, וואָס זענען שעדלעך פאַר דער עפנטלעכער מאָראַל און תורות פון כישוף און פאַנאַטיזם״. האָבנדיק אַזאַ מיינונג וועגן יידישער ליטעראַטור, האָט די מאַכט כמעט נישט אַריינגעלאָזן ספרים אַפילו פון קראָקע און ווילנע, און זי

1) באר יצחק, ספר הכולל אגרות רצוא ושוב בין הרב החכם... יצחק בער לעווינזאָן ובין חכמי דורו, ווארשע 1902 זייט 39 – 40.

2) די ערשטע אויפלאַגע פון דעם מגלה טמירין איז ערשינען אין דעם יאָר 1819, אונזער בריוו איז אַ סך שפּעטער.

3) Gąsiorowska Natalia: Cenzura żydowska w Królestwie Kongresowem. Kwartalnik Hist. Żydów w Polsce. (1912) באנד II זייט 55 – 64.

וואָלט אײנגאַנצן פֿאַרשלאָסן דעם אימפּאָרט, ווען נישט די זאַך, אַז ס׳איז
איר געווען אַ שאָד דער צאָל, וואָס זי האָט גענומען פֿון די ספרים.
אין דעם יאָר 1821 איז געוואָרן באַשטימט פֿאַר דעם צענזור·
אינספּעקטאָר דער באַוווּסטער גלח ליודוויק כיאַריני, אַ ברע·
נעדיקער אַנטיסעמיט, וואָס האָט אָנפֿאַנגס געוואָלט איבערזעצן „גאַנץ
ש״ס" אויף פֿראַנצויזיש, נאָר ער האָט זיך די זאַך בײַצײַטנס איבער·
לייגט און האָט במקום זה אָנגעשריבן אַ ייִדן־פֿרעסעריש בוך
„La Theorie de Judaism" (1
די האַנט פֿון אַזאַ צענזאָר האָבן באַקומען צו שפּירן די ייִדישע
דרוקערס און בפֿרט די, וואָס האָבן געוווינט אין די קליינע שטעטלעך;
ר׳ ישעיהו וואַקס פֿון יוזעפֿוו, אַ באַוווּסטער דרוקער פֿון יענער
צײַט וואָלט געקאָנט אָמבעסטן דערציילן וואָס אַ ייִדישער דרוקער האָט
פֿון דעם צענזאָר געהאַט צו ליידן.
אין דעם יאָר 1822 האָט ער געגרינדעט זײַן דרוקערײַ אין
יוזעפֿוו (קרייז לובלין) און שוין אין דער קאָנצעסיע האָט מען אים
געשטעלט פֿאָלגנדע באַדינגונגען: פֿאַר איטלעכער אַרבעט מוז ער אַליין
איבערגעבן דעם צענזאָר דעם כּתבֿ־יד פֿון דעם גאַנצן ספֿר און אַזוי לאַנג
וואַרטן מיט דעם דרוק ביז ער וועט באַקומען די ערלויבעניש. נאָך דעם
דרוק איז ער פֿאַרפֿליכטן אַלע בויגן (ד. ה., נישט נאָר פֿון איטלעכן
בויגן איינעם) אָפּשיקן קיין וואַרשע (40 מייל), כּדי דער צענזאָר זאָל זיך
איבערצייגן צי מ׳האָט עפּעס אַנדערש נישט געדרוקט. וואַקס האָט
געבעטן מ׳זאָל אים דערלויבן נאָר איטלעכע בויגן צו שיקן קיין וואַרשע,
און די איבעריקע איבערלאָזן אין יוזעפֿוו אונטער דער השגחה פֿון
דעם בירגערמייסטער. דער צענזאָר האָט מסכּים געווען אויף דעם בזה
התּנאַי: א) אַז וואַקס וועט באַלייגן אַ קויציע פֿון 20,000 גילדן, ב) אַז
ער וועט ברענגען קיין וואַרשע 1/20 פֿון אַלע עקזעמפּלאַרן. שטי·
צנדיק זיך אויף דער פּראָטעקציע פֿון דעם גראַף זאַמאָיסקי, האָט
וואַקס געמאַכט אַ רעקורס און געבעטן מ׳זאָל דאָס וואַדיום אַראָפּנידערן
אויף 5000 זל. און אים באַפֿרייען פֿון דעם פֿירן די סחורה (1/20

1) ווען כיאַריני זע נוסבוים: Szkice z historji Żydów w Warszawie
זייט 56 — 58.

קיין וואַרשע, אָבער דער צענזאָר האָט נישט איינגעוויליקט, ווייל די „פאַכקאָמיסיאָן“ האָט געהאַט אַ שלעכטע מיינונג פון דער יידישער ליטעראַטור. „די יידן האָבן אַ סך ספרים — לעזן מיר אין דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע, — וואָס זענען פול מיט פאַנאַטיזם, כישוף און שנאה קעגן אַנדערע פעלקער, דערפאַר מוז די קאָמיסיע זוכן מיטלען, ווי אַזוי דעם טיראַזש פון די ספרים צו פאַרקלענערן, הגם די יידן ווייסן ווי אַזוי די מאַכט אָפּצונאַרן און ווי אַזוי אַריינצושמוגלען ביכער פון אויסלאַנד. וואַקס׳ס דרוק איז די גרעסטע אין פוילן און געניסט שטיצע פון דער מלוכה. ס׳איז אָבער נישט מעגלעך זי צו באַפרייען פון אַלע באַשרענקונגען“... און וואַקס האָט געמוזט נאָכגעבן די אַלע חומרות. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיך צו פירן און האָט אַ לאַנגע צייט געדרוקט פאַרשידענע ספרים (תיקוני זוהר — שנת תר״א, שאגת אריי — שנת תרט״ו וכו׳).

מעשה צענזור בשעת דער גרויסער מלחמה אין אונזערע יאָרן און די ליידן פון די אומגליקלעכע שרייבערס און רעדאַקטאָרן — דאָס איז אַ קאַפּיטל, וואָס איז ווערט מ׳זאָל עס אויספירלעך באַשרייבן, אָבער דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר דעם און אויך איז נאָך אַביסל צו פרי.